STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08504

VIKTOR HUGO

Bernard Mark

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. מארק

וויקטאר הוגא

צום 150-טן יארטאג פון זיין געבוירן

פארלאג „יידיש בוך“ ווארשע 1952

B. MARK

WIKTOR HUGO

w 150-tą rocznicę urodzin

Redaktor D. Sfard

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa 1952 r. Nakład 5.500 egz. Ark. druk. 4, ark. wyd. 2,35. Papier dziełowy kl. V, 61 × 86, 70 g. Druk ukończono w maju 1952 r. Zam. 191. 2-B-50445. Druk. „Nowe Życie", Warszawa, Tarczyńska 8.

אַרײַנפֿיר

די װינער סעסיע פֿון דעם װעלט־ראַט פֿאַר שלום, װאָס איז פֿאָרגעקומען אין פֿעברואַר 1952, האָט אַרויסגעלאָזט אַ רוף אָפּצומערקן מיט גרויסע פֿייערונגען די אָנדענק־טעג פֿון פֿיר גאונים, װעלכע האָבן אויסגעאיבט אַ געװאַלדיקן איינפֿלוס אויף זייער דור און אויף די װייטערדיקע דורות. די שאַפֿונגען פֿון די דאָזיקע פֿיר גאונים האָבן באַפֿרוכפּערט דעם מענטשלעכן געדאַנק, געשטויסן די מענטשלעכע קולטור פֿאָראויס און געדינט דעם טיפֿסטן באַגער פֿון דער מענטשהייט — דעם שלום. דאָס זיינען: דער פֿילאָזאָף און גרעסטער מעדיקער פֿון מיטלאַלטער אַװיצעננאַ (איבן־סינאַ; ער איז אויך באַקאַנט אין דער ייִדישער פֿילאָזאָפֿישער ליטעראַטור פֿון מיטלאַלטער), װאָס דער טויזנטער יאָרטאָג פֿון זיין לעבן און שאַפֿן פֿאַלט אויס דאָס יאָר; דער אַלזייטיקער גאוני פֿון דער רענעסאַנס־צייט, דער מאָלער, סקולפּטאָר, װיסנשאַפֿטלער לעאָנאַרדאָ דאַ־װינטשי (איצט פֿאַלט אויס דער 500־טער יאָרטאָג פֿון זיין געבוירן װערן); דער גרויסער רוסישער שרייבער ניקאָליי גאָגאָל, דער מחבר פֿון „רעװיזאָר", „די טויטע נפֿשות", „טאַראַס בולבאַ", „דער שינעל" און אַנדערע אומשטערבלעכע װערק (עס װערט הונדערט יאָר נאָך זיין טויט); און — דער ריז פֿון דער פֿראַנצויזישער און װעלט־ליטעראַטור װיקטאָר הוגאָ.

דער דאָזיקער באַשלוס און דער רוף פֿונעם װעלט־ראַט פֿאַר שלום פֿאַרמאָגט נישט אין זיך קיין שום צופֿעליקס. די באַװעגונג פֿאַר שלום אויף גאָר דער װעלט איז איינצייטיק אַ באַװעגונג פֿאַר ראַטעװען פֿון אונטערגאַנג און שיצן פֿאַרויס די אַנטװיקלונג פֿון דער מענטשלעכער קולטור, פֿון דער װיסנשאַפֿט און קונסט. די שלום־באַװעגונג קעמפֿט פֿאַר דעם, עס זאָלן געשאַפֿן װערן אַזעלכע דויערהאַפֿטיקע און גינסטיקע באַדינגונגען, אַז די דערגרייכונגען פֿון מענטשלעכן געדאַנק זאָלן זיין אַ ברכה פֿאַר דער מענטשהייט. די שלום־באַװעגונג בינדט אָן אין די שענס־

טע און בעסטע טראדיציעס פון דער קולטור. די גרויסע דערגרייכונגען פון דער וויסנשאפט, קונסט און ליטעראטור אין די אמאָליקע צייטן דאַרפן נישט ווערן פאַרוואַנדלט אין מוזייעס; זיי קאָנען העלפן אין דעם היינטיקן געראַנגל קעגן אטאָם־שאַנטאַזש, נעאָ־היטלעריסטישן באַרבאַריזם, מלחמה־געפאַרן, פאַר א דויערהאַפטיקן שלום, פאַר פעלקער־פריינדשאַפט און פאַר סאָציאַלן און קולטורעלן פּראָגרעס.

די רייכע ליטעראַרישע שאַפונג פון וויקטאָר הוגאָ געהערט צו דעם גרויסן מין קונסט, וועלכע האַלט איין איר לעבעדיקייט און אַקטועלקייט ביזן היינטיקן טאָג. עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס דער ראָמאַן וועגן זשאַן וואַלזשאַן ווערט געדרוקט אין דער קאָמוניסטישער „הומאַניטע" אין פראַנקרייך אין די טעג, ווען עס גייט אָן א פאַרביסענער קאַמף פאַר אַרבעט, שלום, נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט, פאָלקס־מאַכט און פריי־הייט. עס איז נישט קיין וווּנדער, וואָס הוגאָס ווערק גייען אַרויס אין די גרעסטע טיראַזשן אינעם ראַטנפאַרבאַנד און געהערן צו דער באַליבטסטער לעקטור פון דעם סאָוועטישן לייענער; אין די יאָרן פון דער פאָטער־לענדישער מלחמה האָט דאָס בוך פון דעם גרויסן פראַנצויזישן שרייבער באַגלייט דעם סאָוועטישן שלאַכט־מאַן, וועלכער האָט אין אים געפונען באַגייסטערונג פאַר זיין גערעכטיקן קאַמף. אין די טראַגיש־העראָישע טעג פון געטאָ־געראַנגל האָבן די פּאָזיטיווע געשטאַלטן פון הוגאָס ווערק באַ־גייסטערט די יידישע קעמפער צום אויסדויער און מסירת־נפש. און פּונקט אַזוי איז נישט קיין חידוש, וואָס אין אַמעריקאַנישע ענציקלאָפּעדיעס ווערט הוגאָס נאָמען באַשמוצט און וואָס די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט נישט געהאַלטן פאַר נויטיק ביז היינט צוריק אויפצושטעלן זיין דענקמאָל, וואָס איז חרוב געוואָרן דורך די היטלעריסטישע באַרבאַרן.

און נישט בלויז הוגאָס ווערק. אויך זיין לעבן, זיינע קאָנקרעטע מעשים האָבן באַוויזן, אַז ער איז אַן אומדערשראָקענער טריבון, א פריינד פון די אונטערדריקטע און געדריקטע. אויך פאַר די יידישע מאַסן, וועלכע האָבן געליטן פון פּאָגראָמען און כלערליי רדיפות, איז וויקטאָר הוגאָ דערשינען ווי א ריטער פון יושר און פּראָגרעס.

דעם יידישן לייענער איז שוין פון לאַנג באַקאַנט הוגאָ דער שריי־בער. לאָמיר נאָכאַמאָל איבערבלעטערן זיינע ווערק און זיי דערזען אין ליכט פון דער היינטיקער צייט. לאָמיר זיך אויך דערמאָנען הוגאָס קאַמף פאַרן לעבן און פאַר די רעכט פון די טאָפּלט געדריקטע יידישע מאַסן.

I

די צייט

וויקטאָר הוגאָס לעבן נעמט ארום כמעט א גאַנצן יאָרהונ־דערט — דעם ניינצנטן. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 26־טן פעב־רואר 1802 אין א פּראַנצויזישער פּראָווינץ־שטאָט בעזאַנסאָן און געשטאָרבן דעם 22־טן מאי 1885 אין פּאריז. אזוי ארום איז הוגאָס ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אויסגעפאַלן אויפן יאָרהונדערט פון די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציעס אין איי־ראָפּע און אויף דער עפּאָכע, ווען דער פּראָלעטאַריאַט איז צום ערשטן מאָל ארויסגעטראָטן אויף דער פּאָליטישער ארענע ווי א זעלבסטשטענדיקער כוח. הוגאָ האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם אָטעם פון זיין שטורעמישער צייט, איניינעם מיט אירע ווידעראַנאַנדן און סתירות. זיין שאַפונג פאַרמאָגט טאַקע אין זיך הן דאָס אָדלערישע פון זיין צייט, הן דאָס אינערלעך־קעגנזעצלעכע, דאָס אוטאָפּישע פון זיין סביבה.

פאר די אויגן פון וויקטאָר הוגאָ — זינט זיינע קינדער־יאָרן ביז דעם טיפסטן עלטער — האָט זיך אָפּגעשפּילט א שטיק שטור־רעמדיקע געשיכטע פון פראנקרייך: דער עכאָ פון דער גרויסער תקופה פון דער רעוואָלוציע, דער טערמידאָר, דער אויפקום און די ירידה פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּארטע, די בורבאָנישע רעסטאַווראַ־ציע צוזאַמען מיט אירע אַלע רעאַקציאָנערע דערשיינונגען, וואָס זי האָט געבראַכט, די יולי־רעוואָלוציע אין 1830, די הערשאַפט פון דער פינאַנסיעלער בורזשואַזיע ביים קעניג־באַנקיר לואי־פיליפּ, די כסדרדיקע סאָציאַלע שטורעמס אין די דרייסיקער יאָרן, דער נאָ־וועמבער־אויפשטאַנד אין 1831 אין ליאָן, דער באַריקאַדן־קאַמף

אין פּאַריז אין יוני 1832, די היסטאָרישע טעטיקייט פון מאַרקס און ענגעלס, דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל, דאָס יאָר 1848, דער שווינדל און די מלוכה־איבערקערעניש פון לואי באָנאַפּאַרטע, די פראַנצויזיש־פּרייסישע מלחמה און די מפּלה ביי סעדאַן, די פּאַריזער קאָמונע אין 1871, דער בלוטיקער טעראָר פון דער בורזשואַזיע און די דריטע רעפּובליק.

וויקטאָר הוגאָ איז געבוירן געוואָרן ביי א פאָטער א באָנאַ־פּאַרטיסטישן גענעראַל און ביי א מוטער א ראָיאַליסטין, אָן אַנהענגע־רין פון די בורבאָנען. אין די יונגע יאָרן געפינט ער זיך אינעם איינ־פלוס־קרייז פון די ראָיאַליסטן, דערנאָך נורטעווען אים באָנאַפּאַר־טיסטישע שטימונגען, אָבער שוין אין זיינע ערשטע ליטעראַרישע שריט לאָזט זיך ביי אים בולט באַמערקן די סימפּאַטיע צו די אונ־טערדריקטע פעלקער. דער סאָציאַל־קריטישער עלעמענט וואַקסט ביי אים אָן אונטערן איינפלוס פון דעם לעבן גופא אין משך פון די דרייסיקער און פערציקער יאָרן, ביז עס קומט צום איבערברוך אינעם פעריאָד פון דעם „פעלקער־פרילינג“; עס קומט די טיפע אַנ־טוישונג אין לואי באָנאַפּאַרטע, אין דעם „קליינעם נאַפּאָלעאָן“[1], קעגן וועלכן ער טרעט אַרויס מיט א בייסיקן פּאַמפלעט. סיי פריער, סיי שפּעטער פאַרנעמט ער זיך אַקטיוו מיט פּאָליטישע ענינים, פונקט ווי א סך שרייבער פון זיין צייט, פונקט ווי עזשען סו לאַ־מאַרטין און אַנדערע. אָבער אין קעגנזאַץ צו זיי, גייט הוגאָ אַריבער אויף דער זייט פון פּראָגרעס און נאָך דעם פולשטענדיקן איבער־רייס מיט די באָנאַפּאַרטיסטישע שטימונגען בלייבט ער א פּלאַ־מיקער טריבון פאַר די רעכט פון די סאָציאַל־ און נאַציאָנאַל־אונ־טערדריקטע און באַעוולהטע.

הוגאָ האָט אָבער נישט באַוויזן צו דערגרונטעווען די סיבות פון דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט ביזן סוף. צום שוואַכסטן האָט הוגאָ דערקענט און פאַרשטאַנען דעם היסטאָרישן באַטייט פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, די היסטאָרישע ראָל פון אַרבעטער־קלאַס. אַפילו אין זיין שאַרפן אַרויסטריט קעגן לואי באָנאַפּאַרטע פאַר־שטייט נישט הוגאָ דעם סאָציאַלן תוך פון דער מלוכה־איבערקערע־ניש. אַט ווי עס כאַראַקטעריזירט אים קאַרל מאַרקס אין דער פאָר־רעדע צו דער 2־טער אויפלאַגע פון זיין ווערק „דער אַכצנטער ברי־

[1] „Napoleon le petit“.

מײַד פֿון לואי באָנאַפּאַרטע״: „וויקטאָר הוגאָ באַגרענעצט זיך צו ביטערע און וויציקע אָנפֿאַלן אויפֿן אַדרעס פֿון דעם פֿאַראַנטוואָרטלעכן אויטאָר פֿון דער מלוכה־איבערקערעניש. דאָס געשעעניש גופֿא שטעלט ער פֿאָר ווי אַ דונער פֿון העלן הימל. ער זעט אין דעם בלויז אַן אַקט פֿון רעוואָלט מצד אַ יחיד. ער דערזעט נישט, אַז צושרײַבנדיק דעם דאָזיקן יחיד אַ בײַשפּיללאָזן אין דער וועלט־געשיכטע כוח פֿון פּערזענלעכער איניציאַטיוו, פֿאַרקלענערט ער אים נישט דורך דעם, נאָר ער מאַכט אים אומגעהײַער ריזיק... איך, פֿאַרקערט, דערווײַז, ווי דער קלאַסן־קאַמף אין פֿראַנקרײַך האָט געשאַפֿן פֿאַרהעלטענישן און באַציונגען, וועלכע האָבן דעם זייער דורכשניטלעכן און גראָטעסקישן נפֿש דערלויבט צו שפּילן די ראָל פֿון אַ העלד״.[3]

דאָס נישט פֿאַרשטיין דעם קלאַסן־מאָמענט ווי דעם שליסל צו דעם סאָציאַלן און פּאָליטישן קאַמף, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין פֿראַנקרײַך און אין אַנדערע לענדער, איז געקומען צום אויסדרוק בײַ הוגאָן נישט בלויז אין זײַנע פּובליציסטישע אַרבעטן, נאָר אויך אין זײַנע קינסטלערישע ווערק. וואָרום הוגאָ איז געווען שטאַרק באַאײַנפֿלוסט, פּונקט ווי אַ סך פֿון זײַנע מיטצײַטלער, דורך דעם אוטאָפּישן סאָציאַליזם, וועלכער האָט באַווירקט זײַן שאַפֿונג און די נײַע ליטעראַרישע שיטה, וועלכע הוגאָ האָט געפּרײדיקט — דעם ראָמאַנטיזם.

II

ראָמאַנטיזם און רעאַליזם בײַ וויקטאָר הוגאָ

איינע פֿון די וויכטיקסטע מערק־צייכנס פֿון אַ גרויסן קינסטלער איז זײַן נאָוואַטאָרישקייט. וויקטאָר הוגאָ איז געווען אַ נאָוואַטאָר, ער האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער פֿראַנצויזישער ליטעראַטור די נײַע ליטעראַרישע שטרעמונג, דעם ראָמאַנטיזם. ער האָט דער ערשטער געשאַפֿן די דראַמע פֿון נײַעם טיפּ, איבערדרייסנדיק אויף

Karl Marks — „Dzieła wybrane“ ,tom II, wyd. „Książka“ Warszawa 1947, str. 177—178.

א רעוואָלוציאָנערן אויפן מיט די אַלטע, שטערנדיקע פאָרמען פון דער פסעוודאָ־קלאַסישער דראַמע.

הוגאָס נאָוואַטאָרישקייט איז אויפגעקומען אויף די כוואַליעס פון זיין סאָציאַל־שטורמישער עפּאָכע. די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן האָבן אַרויסגעטראָגן אויף דער אַוואַנסצענע די פאָלקסמאַסן. עס איז אַוועק אין הינטערגרונט ראַסינס און קאָרנעילס דראַמע מיט אירע פעאָדאַלע ריטער־העלדן. עס האָט דעם נייעם צושויער נישט געקאָנט מער באַפרידיקן דער פאַקט, וואָס די פאָלקס־מאַסן זיינען ביז איצט — אַפילו ביי שעקספּירן און מאָליערן — געשטאַנען אין הינטערגרונט, געשפּילט אַ צווייטראַנגיקע ראָל. דער „דריטער שטאַנד" האָט געוואָלט זען זיך אין צענטער פון דער ליטעראַטור. דעם קאַמף פאַר דער דאָזיקער פאָדערונג פון די אַקטיוויזירטע פאָלקס־שיכטן האָט אונטערגענומען הוגאָ, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ נייער אינהאַלט פאַרלאַנגט נייע פאָרמען.

וויקטאָר הוגאָ איז אַריין אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור ווי איינער פון די הויפּט־שעפער פון ראָמאַנטיזם. נאָך זיינע יוגנט־שאַפונגען, נאָך זיינע „אָדעס און באַלאַדן" (1821), ווו ער דערשיינט נאָך ווי אַ שרייבער פון אַלטן סטיל, טרעט ער אַרויס ווי אַ נאָוואַטאָר, ווי אַ קעמפער פאַר דער נייער שיטה, פאַרן ראָמאַנטיזם.

אָבער וויקטאָר הוגאָס ראָמאַנטיזם איז פון אַ לגמרי אַנדערן מין, ווי דער ראָמאַנטיזם פון זיינע מיטציייטלער שאַטאָבריאַן, אַלפרעד דע וויני, אַלפרעד דע מיסע און אַנדערע. וואָרעם עס זיינען פאַראַן צוויי מינים ראָמאַנטיזם; אַ ראָמאַנטיזם, וואָס באַזינגט דאָס פאַרגאַנגענע און אַוועקגייענדיקע, דאָס פאַרמשפּטע דורך דער געשיכטע אויף פאַרשווינדן, דאָס רעגרעסיווע און שטערנדיקע פאַרן ווייטערדיקן פּראָגרעס; און אַ ראָמאַנטיזם אַ רעוואָלוציאָנערער און פאָרויסגייענדיקער, אַ ראָמאַנטיזם פון די ניי־אויפקומענדיקע קלאַסן. שאַטאָבריאַן האָט געזונגען אַ לויב־געזאַנג צום קריסטנטום, בעת די גרונט־טענדענץ פון די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן פון זיין צייט איז געווען אַנטיקלעריקאַל און אַטעיסטיש; אַלפרעד דע וויני האָט געזונגען אַ הימען צום טויט, צו איינזאַמקייט און צום „גרויסן שווייגן", אין דער צייט, ווען די פּראָגרעסיווע סאָציאַלע

[3] „Odes et Ballades".

שיכטן פון זיין דור האבן געקעמפט פארן לעבן, האבן נישט געוואלט און נישט געקאנט שווייגן און זיך געריסן צו באריקאדן־קאמף; אלפרעד דע מיסע האט געשריבן לידער וועגן זעלבסטמארד, גלויבנלאזיקייט און אויסגעלאסנקייט, דאס איז געווען א ראמאנטיזם פון דעקאדענץ. דאס איז געווען די קרענקלעכע בענקשאפט צום אלטן, פארשווינדנדיקן שטייגער. הוגא האט וועגן אזא ראמאנטיקער געזאגט: „ער איז א גרויסער פאעט, גאנץ געווים; אבער א גרויסער מענטש? בשום אופן נישט". הוגא האט באקעמפט סיי דעם פאלשן, צירלעך־מאנירלעך פסעוודא־קלאסיציזם, די שיטה פון די באנקראטירטע פעאדאלן, סיי דעם דעקאדענטישן און קריסטנטום־אפאלאגעטישן ראמאנטיזם, זעענדיק אין זיי א קינסטלערישע שטרעמונג, וועלכע קאן דעמאביליזירן גייסטיק דאס פאלק. הוגאס ראמאנטיזם פארמאגט אין זיך א גרויסן עלעמענט פון רעאליזם — די מאסן־סצענעס אין „גלאקן־קלינגער פון נאטר־דאם", די סאציאלע קריטיק אין „גיבור אין קייטן" און אין „דער מענטש וואס לאכט", די שילדערונג פון בירגער־קריג און „דאס דריי־און־ניינציקסטע יאר", דער קאמף מיט זאבאבאנעס אין „די ים־ארבעטער", דער אויפברויז קעגן אומבארעכטיקטע מלחמות און די וויזיע פון דער צוקונפט אין זיינע לידער, און בכלל זיין עצם־שילדערן דעם מענטש. אין הוגאס ווערק איז זייער שטארק פארטראטן דער קריטיש־רעאליסטישער עלעמענט. אן ענלעכע דערשיינונג פון רעאליזם בתוך ראמאנטיזם אבסערווירן מיר ביי פושקינען און לערמאנטאוון, ביי מיצקעוויטשן און סלאוואצקין. דער קריטיקער און אויפמערקזאמער לייענער דארפן קאנען אויסשיילן דאס רעאליסטישע, דאס אמתדיקע פון דעם ראמאנטישן שלייער ביי אט די גאונים פון דער ליטעראטור. דער סאוויעטישער ליטעראטור־פארשער פ. קאגאן האט אין זיין „געשיכטע פון דער מערב־אייראפעישער ליטעראטור", צווייטער באנד, באצייכנט הוגאן ווי א רעאליסט בעצם און א ראמאנטיקער לויט די מעטאדן. מע דארף אבער צוגעבן, אז ביי הוגא איז אפט פאראן נעבן דער סאציאל־קריטישער אידעע אויך א ראמאנטישער מאטיוו, וועלכער דריקט זיך אויס אין רחמנות און אין מחילה. אבער למען האמת דארף געזאגט ווערן, אז הוגא וויקלט תמיד פאנאנדער דאס פראבלעם זייער ברייט. ער לייגט אריין אין מויל פון זיינע העלדן ווערטער, וועלכע ווייזן אויף דער געפערלעכקייט

פון י ע ט ו ו ע ד ן רחמנות, פון מחילה לגבי י ע ט ו ו ע ד ן מענטש. הוגאָ אַליין לײַדט מיט טיף מיט זיינע העלדן. אָפּוואַרפנדיק די פאַלשע טעאָריע פון קונסט לשם קונסט, שילדערט ער אויך אַוועק די פּאָזיציע פון יענע קאַלטע שרײַבער, וועלכע ווילן טאַקע שילדערן די ווירקלעכקייט, אָבער פאַרבלײַבן בלויז אָבסערוואַטאָרן. בײַ הוגאָ איז שאַפן אַן ענין פון געוויסן און אַן אויסדרוק פון אַ שליח ציבור פון פאָלק. שרײַבנדיק וועגן דעם אונטערשייד צווישן בײַראָנען און וואָלטערן, האָט הוגאָ געזאָגט: „דער אונטערשייד צווישן בײַראָנס און וואָלטערס לאַכן איז דאָס, וואָס וואָלטער האָט נ י ש ט ג ע ל י ט ן". הוגאָ האָט טיף דורכגעוויטיקט זיינע געשילדערטע סאָציאַלע טראַגעדיעס, די יסורים פון זיינע העלדן.

דאָס סאַמע ווערטפולע אין הוגאָס ווערק איז זיין שנײַדנדיקע קריטיק פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן פון זיין צייט, אָדער אין פאַרגאַנגענע צײַטן, וועלכע ווערן דורך אַנאַלאָגיע איבערגעוואָרפן צו דער קעגנוואַרט. זיין קריטיק איז נוגע סיי די תקופה פון פעאָדאַליזם, סיי די נײַע צייטן פון דער זיגערישער בורזשואַזיע. אין זיינע פּאָזיטיווע סאָציאַלע אידעאַלן איז ער אָפט ראָמאַנטיש אין תוך און געפינט זיך אונטערן אײַנפלוס פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם, וועלכער האָט נישט דערזען די עיקרדיקע שפּרונג־פעדערן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג — דעם קלאַסן־קאַמף. דער אוטאָפּישער סאָציאַליסט פוריע פלעגט זיצן גאַנצע טעג און אַמטירן אין זיין צימער, זייענדיק זיכער, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועט זיך יאַווען אַ ראָטשילד, וועלכער וועט פינאַנסירן זיינע פאַלאַנסטערס, די קעמערלעך פון דער אויסגעפאַנטאַזירטער קינפטיקער, פרייער געזעלשאַפט פון אַרבעט. הוגאָ האָט אויפן אָרט פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף אָפט אוועקגעשטעלט די אידעע פון אַבסאָלוטער מאָראַל, נישט פאַרשטייענדיק, אַז מאָראַל איז אַ באַגריף פון איבערגעבוי. אָבער דער דאָזיקער אײַנפלוס פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם, קאָנקרעט — פון סען־סימאָניזם, איז נישט געווען דער עיקר אין הוגאָס ווערק. ווי אַן עכטער קינסטלער און ווי אַ טרייער פרײַנד פון פאָלק האָט ער געזען זיינע לײַדן און אַרויסגעבראַכט זיי, מיטן אָטעם פון ברויזנדיקן פּראָטעסט, אין זיינע שאַפונגען, אויסזינגענדיק אײַנצייטיק צום פאָלק אַ לויב־געזאַנג, אויסשפּינענדיק הונדערטער וווּנדערלעכע פאָלקס־געשטאַלטן, וועלכע זיינען צוריק אַרײַן, אַדאַנק הוגאָס סוגעסטיוון טאַלאַנט, אין פאָלק.

III

פאָעזיע פון קאַמף

דער שעפערישער וועג פון וויקטאָר הוגאָ, וועלכער כאַפּט ארום א זעכציק-יאָריקן צייט-אָפּשניט, פירט באַרג-ארויף — פון די אַלט-נוסחדיקע אָדעס און באַלאַדן צו זיינע ברייט-לייוונטיקע היסטאָרישע ראָמאַנען; בלויז ווו-נישט-ווו רייסן זיך אריין זייטיקע שטראָמעלעך, וועלכע פירן אוועק צו דעפּרעסיע און בין-השמשות-שטימונג, אָבער זיי ווערן שנעל נעלם און לאָזן דעם שרייבער ווייטער שווימען מיטן שטראָם באַרג-ארויף.

צו הוגאָס בכורשע ווערק געהערט „ביג זשאַרגאַל“ (1826)[4] א דערציילונג וועגן דעם אויפשטאַנד פון נעגערישע שקלאַפן אויפן אינדזל סאַן-דאָמינגאָ אין יאָר 1791. די שטימונג, אין וועלכער דער מחבר הילט איין די שילדערונג פון אָט דעם העראָישן און טראַגישן אויפשטאַנד, איז א סענטימענטאַל-ראָמאַנטישע; הוגאָ האָט זיך נאָך נישט געהאַט באַפרייט פון דעם סענטימענטאַליזם, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש הן פאַר דער פריערדיקער הן צום טייל פאַר דער קעגנוואַרטיקער ליטעראַטור. אָבער דעם סענטימענטאַליזם, וועלכער איז לחלוטין נישט אייגנטימלעך פאַרן פאַרצווייפלטן באַפרייונגס-קאַמף פון די נעגער, איז גובר די פאָזיציע פונעם מחבר — ער שטעלט זיך אויף דער זייט פון די פאַרפייניקטע און צעבונטעוועטע; דער קאַמף פון די נעגער איז א גערעכטיקער, דער פירער פונעם קאַמף ביג זשאַרגאַל וואַקסט אויס צו א ריזיקן געשטאַלט, א פאָלקס-פירער. הוגאָ האָט דאָ צום ערשטן מאָל אויפגעגלאַנצט ווי דער טריבון פאַר די רעכט פון די סאַמע דערנידעריקסטע צווישן די דערנידעריקטע. ווען מיר וועלן אָפּוואַרפן די סענטימענטאַלע שטימונגען, וועלן מיר אין „ביג זשאַרגאַל“ דערפילן דעם אַקטועלן אויסקלאַנג — די לאַגע פון די נעגער ביים היינטיקן טאָג אין די פאַראייניקטע שטאַטן; מיר וועלן אויך פילן דעם פאַרגלייך מיט דער לאַגע אין געטאָ. עפּעס ענלעכס איז פאַראַן סיי אין דער העראָישקייט פון דעם קאַמף, סיי אין דער טראַגישקייט פון זיין אויסגאַנג אין „ביג זשאַרגאַל“ און אין דער עפּאָפּייע פונעם געטאָ-אויפשטאַנד. אויך דאָ איבערצייגן מיר זיך, ווי דאָס ווערק פון וויק-

[4] „Bug Jargal.“

טאַר הוגאָ האָט אויסגעדריקט אין משך פון איבער אַ יאָרהונדערט
און, הגם מיט אַן אַנדער מיליע, זיך אַריבערגעוואָרפן ווי אַ בריק
צווישן די צייטן פון נעגערישער שקלאַפעריי און דער צייט פון ניי־
עסטן פעלקער־מערדערישן אימפּעריאַליזם און פון העלדישן געטאָ־
קאַמף.
אין ענלעכן אַקטועלן אויסקלאַנג פאַרמאָגט הוגאָס דיכטונג־
זאַמלונג „אָריענטאַלישע מאָטיוון" פון יאָר 1829[5].
די דאָזיקע לידער, וועלכע האָבן געמאַכט אין זייער צייט
אַ געוואַלדיקן רושם, זיינען געווידמעט דעם פריהייטס־קאַמף פון
גריכישן פאָלק קעגן די טערקישע באַצווינגער; אין אָט דעם קאַמף
איז געפאַלן, ווי באַקאַנט, דער גרויסער ענגלישער דיכטער בייראָן.
אַ ריי בירגערלעכע קריטיקער האָבן געהאַט פאָרגעוואָרפן הוגאָן,
בכן ער האָט אין די „אָריענטאַלישע מאָטיוון" אַרויסגעוויזן אַ שוואַ־
כע קענטעניש פון טערקישן לעבן. געאָרג בראַנדעס, למשל, האָט
געשריבן, אַז הוגאָ איז אין זיינע שילדערונגען פון דער אכזריות פון
דעם סולטאַנס בלוטדורשטיקע יאַנטשאַרן איינזייטיק. אָבער אַ טי־
פער אַריינבליק אין די לידער דערווייזט, אַז הוגאָ האָט זיך גע־
שטעלט פאַר אַ ציל נישט סתם אַ שילדערונג פון אָריענט — אַזאַ
קונסט־לשם־קונסט־אויספאַסונג פון דער טעמע איז אים געווען
פרעמד און דערווידער; הוגאָ האָט געוואָלט ווייזן דעם גאַנצן גרויל
פון פאַרכאַפערישע, אומגערעכטיקע מלחמות, בפרט ווען זיי זיינען
געווענדט קעגן אַ פאָלק, וואָס ראַנגלט זיך העלדיש קעגן פרעמדן
צוואַנג. אין שטאַרקע בילדער שילדערט הוגאָ דעם דאָזיקן שוידער
און באַרבאַרישע צעשטערונג. אָט קומט אַ שליח פון שלאַכט־פעלד
און איז מודיע דעם סולטאַן:
„אָ, קעניג! עס איז אַזוי ווי דו האָסט באַפוילן: דער פייער
באַלייכט און פרעסט די שטאָט; מיט זיין רויך פאַרשטיקט ער די
קללות פון די איינוווינער, זיין שיין פאַרשפּרייט אַרום אַ ליכט ווי פון
דעם מאָרגנשטערן און שפּרינגענדיק זעט ער אויס ווי ער וואָלט גע־
טאַנצט אויף אַ בר־מינן.
די הריגה פון טויזנטער גייט אַן אַן שרעק; יעדער ברענענדי־
קער פּאַלאַץ ווערט פאַרוואַנדלט אין חורבות; פאַטערס, פרויען, יונ־
געלייט, אַלע פאַלן געהרגעטע אונטער דער שווערד; אַרום די
שרפהדיקע חורבות זאַמלען זיך און קראַקן וראַנעס.

[5] „Les Orientales".

מוטערס קלאַגן, יונגינקע, שיינינקע מיידלעך ציטערן און ליגן פאַרגעוואַלדיקטע, וויינענדיקע, ביז מיר בינדן זיי צו צו די צעקאַכטע פערד פון בראַווע קריגסלייט און שלעפן זיי הינטער דער שטאָט, נאַקעטע און רויטע פון די קלעפ און פון דעם האַלדזן.

די קליינע קינדער האָבן מיר צעקלאַפּט אין די שטיינער. אויב דו וועסט הייסן, וועט דאָס אייזן טרינקען נאָך יונג, הייס בלוט. דיין פאָלק, אַ קעניג, קושט די שטויב פון דיינע סאַנדאַלן, וועלכע האַלטן זיך אויף דיינע קעניגלעכע פיס דורך אַ גאָלדענעם רינג"[6].

הוגאָ איז אויפן שלאַכט-פעלד נישט געווען. אָבער מיט דער קראַפט פון זיין דיכטערישן דמיון האָט ער דערזען אַן אמתדיק בילד. ער האָט ווי נביאותדיק אויפגעשטעלט אַן ענלעכע גרויליקע וויזיע פון געטאָ 1942 און 1943. די קליינע גריכישע קינדער, די צעקלאַפּטע אויף שטיינער — איז עס נישט די גרויסע ליקווידאַציע-אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ? איז עס נישט סטראַאָפס ראַפּאָרט און זיין צוזאָג צו זיין „סולטאַן" פון בערלין, אַז ער וועט „קעמפן" ביז עס וועט נישט ווערן אויסגעראָטן דער לעצטער ייד? און שווינדזשע בלייבט נישט די גרויליקע וויזיע פון די „אָריענטאַלישע מאָטיוון" טראַגיש-אַקטועל אין אונדזערע טעג אין די שטעט און דערפער פון קאָרייע?

נישט קיין מומיע איז הוגאָס פּאָעזיע, נאָר אַן אייביק לעבעדיק, אַן אייביק מאָנענדיק בילד פון די צייטן פון פאַרכאַפּערישע אָנפאַלן און אימפּעריאַליסטישע רויב-צוגן.

הוגאָס פּאָעזיע פאַרמאָגט נישט בלויז טענער פון ווייטיק און פּראָטעסט. הוגאָס דיכטונג פאַרמאָגט מאָטיוון פון קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט. דעריבער איז הוגאָ דער דיכטער דורך דער בירגערלעכער ליטעראַטור-קריטיק פאַריאָגט געוואָרן אין שאָטן. דער באַרימטער סאָוויעטישער שרייבער קאָנסטאַנטין פעדין דערציילט אין „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" פון 26 פעברואַר 1952, אַז אין אַ שמועס האָט אים אַמאָל ראָמאַן ראָלאַן געזאָגט מיט פאַרדרוס, „הלמאַי אַלע באַטאָנען שטענדיק די גרויסקייט פון הוגאָ דעם ר אָ מ אַ נ י ס ט, בעת פאַר אונדז איז ער קודם-כל דער גרויסער נאַציאָנאַלער ד י כ ט ע ר".

הוגאָ איז אַ גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער פון פראַנקרייך

---

[6] ציטירט לויט געאָרג בראַנדעס: „די ראָמאַנטישע שול אין פראַנקרייך", ז. 129—130.

נישט בלויז פון פּאַטריאָטישן שטאַנדפּונקט (למשל זיין „אָדע צו דער קאָלאָנע אויפן וואַנדאָם-פּלאַץ", געשריבן אין יאָר 1827, ווו ער ברויזט אויף קעגן דער קאַפּיטולאַציע און קריכערישקייט פון פראַנקרייכס פּעאָדאַל-בורזשואַזע הערשער, וועלכע פאַרשוועכן די פּאַטריאָטישע געפילן פון די פראַנצויזן), נאָר אויך און קודם-כל אין זיינע רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון. און ביידע געפילן — דער פּאַ-טריאָטישער און דער רעוואָלוציאָנערער — זיינען פּאַקטיש איינס.
נאָך די געשעענישן פון 1830, נאָך דעם ווי דער אויפשטאַנד איז בלוטיק דערשטיקט געוואָרן, נישט געקוקט אויף אַ קורץ-דויִ-ערנדיקע דעפּרעסיע, שרייבט הוגאָ דאָס ליד „פריינד, דאָס לעצטע וואָרט" (1831). ער זאָגט אין דעם ליד (מיר גיבן עס איבער מיט פּראָזע-ווערטער):

„איך האָס דעם געוואַלד און בייל צונויף די פויסטן, ווען איך הער, אַז ערגעץ אין דער וועלט פּייניקט זיך און שטיקט זיך דאָס פאָלק אונטערן בייזן הימל,אונטערן טראָן פון קעניגן, און רופט נאָך הילף און שרייט... דעמלט פאַרשעלט איך די פּאַלאַצן און די טורמעס פון די קעניגן, וואָס זייער פערד שפּאַנט אין פריש-פאַרגאָ-סענעם בלוט! איך פיל, אַז דער דיכטער וועט משפּטן די נישטיקייט פון זייערע טעג, אַז די צאָרנדיקע מוזע וועט מיט איר מעכטיקער פויסט פאַרוואַנדלען די קרוין אין אַן אייזערנעם קלעם און וועט פאַרטרייבן די הערשער, וואָס זיינען נישט ווערט אפילו קיין קרעכץ... ווייל די מוזע מיינע דינט די פעלקער, וואָס זיינען באַרויבט פון פרייהייט. עס אַרט מיך נישט מיין שטוב, עס גייען מיר נישט אָן די ליבע און די מילדע לידער און זיסע אָפּרוען. איך גרייט סטרו-נעס פון שטאָל און שטעל זיך אין דער ריי!"

אין אַ ריי לידער האָט הוגאָ אויסגעזונגען אַ הימן צו די רע-וואָלוציאָנערע יולי-טעג און לכבוד די מאַרטירער פונעם פּאַריזער פרייהייטס-קאַמף. אין דער פּאָעמע „דער באַל אין ראַטהויז" שיל-דערט ער דעם אָנקום פון דער רעוואָלוציע — נאַטירלעך, אויף זיין שטייגער, דורכן אַריינרייסן זיך פון גאַסן-פרויען אויפן ראַטהויז-באַל. זיי קומען „מיט בלומען אין זייערע האָר, מיט בלאָטע אויף זייערע שיך און שנאה אין זייערע הערצער".

ער שטורעמט אויף אין זיינע לידער קעגן די פאַרעטער פון פאַ-טערלאַנד, וועלכע ער זאָגט אָן, אַז עס וועט פאַר זיי זיין נישט קיין ליכט, נישט קיין רחמנות. מיט צערטלעכער ליבע באַזינגט ער דאָס פּשוטע פאָלק, די מיידלעך, וועלכע וואַשן וועש ביים טייך, די

קינדער פון דער פאַריזער אָרעמקייט. און אין זיין וויזיע קומט אויף דאָס געשטאַלט פון קינפּטיקן אַנטשייַדענעם קעמפער פאַר אַ פרייער וועלט: „איך לייג אין דיר אריין די האָפענונג, דו פוסגייער, וואָס קומסט אָן אין בין־השמשות פון דער צוקונפט!" צו אָט דעם פוס־גייער פון פאָלק, וועלכער קומט ארויס פון דעם נעפּל פון דער צו־קונפט, בענקט און גאַרט הוגאָ מענטשן־ליבנדיקע הארץ. מיטן שכל האָט ער נאָך נישט באַנומען די גאַנצע גרויסקייט און היסטאָ־רישע וויכטיקייט פון דעם פוסגייער, פונעם פּראָלעטאַריאַט, אָבער מיט דער דיכטערישער אינטואיציע האָט ער ארויסגעפילט, אַז אָט דער מעכטיקער דערלייזער פון דער ליידנדיקער מענטשהייט מוז אָנקומען.

IV

דער קאַמף צווישן אַלט און נייַ

ווי געזאָגט, איז הוגאָ געווען אַ שרייבער־נאָוואַטאָר. בעיקר איז דאָס נייַע, וואָס הוגאָ האָט אריינגעבראַכט, געקומען צום אויסדרוק אין זיין דראַמאַטורגישן שאַפן. הוגאָ האָט דעמאָקראַטיזירט די דראַמע. ער האָט זי נישט בלויז באַפרייט פון דעם קלעם פון בו־אַלאָ, פון דער דרייאייניקייט — אייניקייט פון אַקציע, אָרט און צייט, נאָר ער האָט אויך, און דאָס איז דער עיקר, רעפאָרמירט די שפּראַך פון דער דראַמע, פון דער בינע. עס ווערט דערציילט, אַז דער דעמאָלטיקער גרויסער פראַנצויזישער דראַמאַטישער אַקטיאָר טאַלמאַ האָט זיך געקלאָגט, אַז ער זוכט אַ פּאַרקערפּערונג פאַר זיין טאַלאַנט און ער קאָן נישט געפינען, ווייל די העלדן פון דער הערשנ־דיקער פּסעוודאָקלאַסישער, פּעאַדאַלער דראַמע זיינען נישט קיין אמתע בשר־ודמים, נאָר העלדן אויף שטאַלצן; זיי רעדן מיט אַ נישט נאַרמאַלער, גראַטעסקיש־פייערלעכער באָמבאַסטישער שפּראַך, זיי ברענגען נישט ארויס קיין אמתע מענטשלעכע האַנדלונג און איבער־לעבונג אויף דער בינע. דאָס איז געווען דער הערשנדיקער נוסח, דאָס איז געווען אַ קאַנאָן. הוגאָ איז ארויס אין קאַמף פאַר צעברעכן אַלטע, שטענדיקע קאַנאָנען. אין דער הקדמה צו זיין דראַמע „קראָמ־וועל" האָט ער ארויסגעבראַכט זיין פּראָגראַם, דעם פּראָגראַם פון

דער נייער קונסט. ער האָט דערקלערט, אַז דער קעניגין עליזאַבעט איז דערלויבט אויף דער בינע זיך צו זידלען און אינטציימיק רעדן לאַטיין, ווייל די קעניגין איז, אייגנטלעך, אַ פּשוטער מענטש. ער האָט באַמערקט, אַז צעזאַר, זיצנדיק אויפן טריומף-וואָגן, מעג מורא האָבן, טאָמער דער וואָגן וועט זיך איבערקערן, ווייל צעזאַר איז אַ בשר־ודם. קורץ גערעדט: הוגאָס רעוואָלוציאָנערע רעפאָרם אין דער דראַמע איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון רעאַליזם, פון געבן אין טעאַטער דאָס לעבן. און ער איז פון פּראָגראַמאַטישע לאָזונגען אריבער צו פּראַווירקלעכן זיי אין דער קונסט, אין דער דראַמע גו־פא. שטאַרק האָט אויף דעם געווירקט די גאַס — דער אַנציענדיקער סאָציאַלער שטורעם פון יאָר 1830. אין דעם דאָזיקן יאָר האָט טאַקע הוגאָ אויפגעפירט די דראַמע „הערנאַני”, וועלכע איז געוועזן דער ער־שטער אַרויסרוף קעגן דער פּסעוודאָקלאַסיק און אַרום וועלכער עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דער קאַמף צווישן אַלט און ניי, צווישן פאַרגלי־ווערטס און דעם נייעם שפּרודלדיקן לעבן. הוגאָ האָט אריינגעפירט אין דער דראַמע די פּשוטע שפּראַך פון דער גאַס, ער האָט געוויזן ממשותדיקע איבערלעבענישן פון זיינע העלדן. אָט די נייע פאָרם איז געווען ביי אים האַרמאָניש צוזאַמענגעפּלאָכטן מיט אַ נייעם אידעען־אָנגעלאָדענעם אינהאַלט. הערנאַני — אַ פירער פון אַ גרופּע מורדים קעגן דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט — קעמפט קעגן איר אַקטיוו. אמת, הערנאַני איז מער אָן אַנאַרכיסטיש־אינדיווידואַליס־טישער בונטאַר, אָבער דער סאָציאַלער מאַסן־שטורעם שפּאַרט אַרויס אין דער דראַמע פון אַלע ווינקעלעך. עס איז געווען אַ פאַר הדשים פאַר דעם יולי־אויפשטאַנד אין פּאַריז. עס האָט צוגעטראָפן צו די געפילן און לעבצונגען פון פּלעבעיישן צוקוקער די שרעק, וועל־כע כאַפּט אַרום דעם שפּאַנישן קעניג קאַרל דעם פינפטן פאַר דער טויט־סכנה, וואָס לויערט אויף אים מצד דעם אונטערדריקטן און רעוואָלוציאָנערן פאָלק, פון דער בינע פליסן אַראָפּ די ווערטער פון אימרואיקן קעניג: „אין נאָמען פון פאָלקס־רעכט און פרייהייט שטייט אויף אַ לעגיאָן פון פאַראַכטעטע רוצחים. אומעטום רודערן זיך אויף פעלקער. געפאַרן דראָען פון אַלע זייטן!”

און ווייטער:

„הערשער, טוט אַ קוק אונטער אייערע פיס! דאָרטן איז דאָס פאָלק, דער ים, וואָס שליידערט אָפּט אַרום אייערע טראָנען! דער שפּיגל, אין וועלכן דער הערשער זעט זיך זעלטן אָן אַרומגעפּוצטן”.

מיט אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן האָט יעדן אָוונט רעאַגירט
אויף אַט די פּלאַמיקע ווערטער די מאַסע ענטוזיאַסטן פון דער רע־
וואָלוציע, וועלכע האָט אויסגעפילט דאָס טעאַטער. און מיט פּיי־
פעריײַען, קרומע העוויות און סקאַנדאַלן האָבן געענטפערט די קעג־
נער, די שונאים פון פאָלק, די אָנהענגער פון דעם אַלטן רעזשים.

די בירגערלעכע ליטעראַטור־היסטאָריקער האָבן זיך באַמיט
און שטרענגען זיך אָן נאָך איצט איבערצוּוועקסלען דעם אינהאַלט
פון דעם קאַמף אַרום „הערנאַני" — פון פּאָליטישן מאָמענט אויף
אַ ריין קינסטלערישן. די שטורמען און סקאַנדאַלן אויף די ספּעק־
טאַקלען שטעלן זיי פאָר ווי אַ קאַמף בלויז צווישן די אָנהענגער פון
דער אַלטער פּסעוודאָקלאַסישער דראַמע און די יונגע קעמפער פאַר
דער נייער קונסט. אָבער אין דער אמתן איז עס געווען אַ קאַמף
צווישן די אָנהענגער פון רעסטאַווּרירטן, פעאָדאַלן, בורבאָנישן רע־
זשים און די אַקטיוויסטן און סימפּאַטיקער פון דער בורזשואַז־דע־
מאָקראַטישער רעוואָלוציע. ווער זיינען געווען הוגאָס אָנהענגער,
וואָס האָבן פאַרטיידיקט זיין נייע דראַמע און זיך מיט איר פאַר־
אינטערעסירט? „דאָס זיינען געווען, — דערציילט אין אירע זכרו־
נות הוגאָס פרוי, וועלכע איז נישט געווען קיין גרויסע אָנהענגערין
פון הוגאָס נאָוואַטאָרישקייט און האָט גיכער סימפּאַטיזירט מיטן
שרייבער סענט־בעוו, וואָס האָט דעזערטירט פון הוגאָס נאָוואַטאָרישן
קרייז, — אַ חבֿרה ווילדע, מאָדנע ברואים, מיט פאַרלאָזענע בערד,
לאַנגע האָר, אָנגעטאָן אין בגדים פון אַלע מינים מאָדעס... אין וואָ־
לענע רעק און שפּאַנישע מאַנטלען און ר אָ ב ע ס פּ י ע ר י ש ע
ו ע ס ט ן" (מײַן קורסיוו — ב. מ.)[7].

דאָס איז געווען דער פּאַקטישער צושויער, דאָס נייע פּובליקום,
וועלכן הוגאָ האָט אַריינגעצויגן אין טעאַטער, געבנדיק אים זיין, דעם
פאָלקס, דראַמע, רעדנדיק צו אים מיט זיין, דעם פאָלקס, שפּראַך,
אַרויסברענגענדיק זיינע, דעם פאָלקס, שטרעבונגען. נישט קיין חידוש
דעריבער, וואָס די בורבאָנישע צענזור האָט גענומען הוגאָ רודפן,
פון „הערנאַני" איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אַן אַפּזאַץ, וואָס קאָן באַ־
ליידיקן דעם קעניגלעכן כבוד. די פּיעסע „דער קעניג ווילט זיך"[8],
וועלכע הוגאָ האָט אָנגעשריבן אין יאָר 1832, ווערט אינגאַנצן פאַר־
באָטן. אַ צווייטע פּיעסע „מאַריאָן דעלאָרם" ווערט אויך קאָנפיס־

---

[7] ציטירט לויט ג. בראַנדעס, דאָרטן, ז. 44.

[8] „Le roi s'amuse"

קירט. און די רעאַקציע אַרבעט מעשים — ביז דראָען הוגאָן מיט טויט.

נישט געקוקט דערויף, גייט הוגאָ ווייטער זיין וועג פאָרויס. אין 1833 שרייבט ער די דראַמע „מאַריאַ טודאָר", וווּ ער שטעלט אַוועק אויף דער בינע פון איין זייט אַ טראָן און פון דער צווייטער — אַ תליה. טראָן און תליה, קעניג און תליון — צוויי זייטן פון איין מטבע. אין דער דאָזיקער דראַמע פירט הוגאָ אויך אַרויס אַ ייד אין אַ געלן היטל — דעם סימבאָל פון שענדלעכער אונטערדריקונג פון מענטש אין דער צייט פון רעאַקציע און פעאָדאַלן דעספּאָטיזם.

V

דער נייער היסטאָרישער ראָמאַן „דער גלאָקן־קלינגער פון נאָטר־דאַם"

אין דעם זעלבן שטורמישן 1830־טן יאָר שרייבט הוגאָ אָן זיין ערשטן היסטאָרישן ראָמאַן „דער גלאָקן־קלינגער פון נאָטר־דאַם"[9]. דעם 27־טן יולי טרעט ער צו צום שרייבן — אין סאַמע פלאַקער פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. ער אַרבעט טאָג און נאַכט. אין משך פון פינף מיט אַ האַלבן חודש איז דער ראָמאַן פאַרטיק געווען. עס איז קלאָר, אַז די געשעענישן, די צעכוואַליעטע גאַס האָט געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג אין דעם ווערק.

הוגאָ האָט שוין פון לאַנג געצויגן צום ברייטן היסטאָרישן לייוונט. דער ניינצנטער יאָרהונדערט איז בכלל אַ צייט פון אַ שטאַרקן אויפבלי פון היסטאָרישן ראָמאַן, די אויפקום־צייט פון מאָדערנעם היסטאָרישן ראָמאַן. דער דאָזיקער אויפבלי איז געווען פאַרבונדן מיטן אויפקום פון ראָמאַנטיזם. עס האָבן דעמלט געשאַפן וואַלטער סקאָט אין ענגלאַנד, אַלעקסאַנדער דיומאַ און עזשען סו אין פראַנקרייך. די דאָזיקע היסטאָרישע ראָמאַנען האָבן געוווּנען אַ געוואַלדיקע פּאָפּולאַריטעט. די מעלה פון סקאָטס און דיומאַס

---

[9] דער אוראָגינעלער טיטל פונעם ראָמאַן איז: „Notre Dame de Paris" („די קאַטעדראַל נאָטר־דאַם פון פּאַריז"). אויף יידיש און פּויליש איז דער נאָמען געענדערט געוואָרן „דער גלאָקן־קלינגער פון נאָטר־דאַם".

היסטאָרישע ראָמאַנען איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן אַרויסגעבראַכט אַ שלל מיט מאַטעריאַלן וועגן די פאַרגאַנגענע צייטן, זייער שטייגער־דערקענטעניש־ווערט איז געווען גרויס.

אָבער די דאָזיקע ראָמאַנען זיינען געשוווּמען אויף דער אויבערפלאַך; זייערע פּערסאָנאַזשן זיינען געווען כמעט אויסשליסלעך פון אדל. דער פראַנצויזישער מחבר פון היסטאָרישע ראָמאַנען עזשען סי, דער מחבר פון די „געהיימנישן פון פּאַריז"[10], איז געווען, ווי מאַרקס האָט אים באַצייכנט — אַ טיפּישער קליינבירגער, אַ סענטימענטאַלער שרייבער. דאָס קומט צום אויסדרוק אויך אין זיין פילבענדיקן ראָמאַן, וואָס איז געווענדט קעגן יעזואיטיזם, „דער ייד דער וואַנדערער", ווו דער אַלטער ייד ווערט אַרויסגעבראַכט אין זייער סענטימענטאַלע, און במילא ווייט נישט רעאַליסטישע, פאַרבן. הוגאָ האָט געבענקט נאָך אַן אַנדער מין היסטאָרישן ראָמאַן, נאָך אַ ראָמאַן פון אַ העכערן און טיפערן טיפּ. „נאָך וואַלטער סקאָטס מאָלערישן אָדער פּראָזאישן ראָמאַן — האָט הוגאָ געזאָגט,—בלייבט צו שאַפן אַן אַנדער מין ראָמאַן, וועלכער וועט, לויט מיין מיינונג, זיין מער באַוואונדערונגסווערט און מער שלימותדיק. דאָס איז דער ראָמאַן, וואָס איז גלייכצייטיק אי דראַמאַטיש, אי עפּיש, אי רעאַליסטיש, אי אידעאַליסטיש, געטריי צום לעבן און גרויס; וועלכער זאָל צונויפפלעכטן וואַלטער סקאָטן מיט האָמערן".

אָט דער קאָנצעפּציע פון אַ העכערן מין היסטאָרישן ראָמאַן, אַ עפּישן, אַ תקופה־באַשרייבערישן, אַ רעאַליסטישן און אַזאַ, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דער אידעע פון דער קעגנוועורטיקער צייט, — האָט הוגאָ געגעבן אַ תיקון אין זיין „גלאָקן־קלינגער פון נאָטר־דאַם". הוגאָ קאָן פאַררעכנט ווערן פאַר דעם שעפער פון מאָדערנעם היסטאָרישן ראָמאַן. זיין ראָמאַן־אני־מאמין איז — מיט געוויסע קאָרעקטיוון — אַקטועל און אָננעמבאַר פאַר אונדזער היינטיקער צייט. „געטריי צום לעבן און גרויס" — אָט ווי מיר שטעלן זיך פאַר היינט, וואָס עס האָרף זיין דער מהות פון רעאַליסטישן היסטאָרישן ראָמאַן.

הוגאָ גיט אין דעם „גלאָקן־קלינגער" אַ געוואַלדיק רייך בילד פון פּאַריז אין פופצנטן יאָרהונדערט — די גאַסן פון מיטל־אַלטערלעכן פּאַריז, די מענטשן, זייערע געוווינהייטן און שטייגער. די

---

[10] דער דאָזיקער ראָמאַן איז געווען פּאָפּולער ביי די משכילים (איבערגעזעצט דורך קלמן שולמאַן אויף העברעיש, אונטערן נאָמען „מסתרי פּאַריז").

דערדריקנדיקע פינצטערניש און סאָציאַלע אומגערעכטיקייט פון מיטלאַלטער ווערן אַרויסגעבראַכט נישט אַבסטראַקט, נאָר צונויפגעפלאָכטן מיטן גורל פון מענטש, מיט די סיבות פון זיין פיין און אומגליק, די באַזונדערע גרויסקייט פון דעם קינסטלער באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט דער ערשטער אין דעם היסטאָרישן ראָמאַן אַרייַנגעבראַכט דאָס פאָלק. די מאַסן־סצענעס אין „נאָטר־דאַם פון פּאַריז" פאַרכאַפּן מיט זייער קאָלאָריט און לעבנס־אמת. אַ שלל מיט שטודיר־אַרבעט האָט דער מייסטער פאַרווענדט אויף שילדערן די באַרימטע פּאַריזער קאַטעדראַל פון דער „הייליקער מוטער" (נאָטר־דאַם). הוגאָ שילדערט בפּרטיות די אַרכיטעקטור, דעם סטיל פון דעם קאַטעדראַל. און ווידעראַמאָל: נישט כּדי צו געבן סתם שילדערונג, נאָר כּדי צו ווייזן אויף איר פאָן דעם כאַראַקטער און דעם גורל פון מענטש.

אין צענטער פון דער פאַבולע שטייען דריי געשטאַלטן: עסמעראַלדאַ, קוואַזימאָדאָ און קלאָד פראָלאָ — אַלע דריי קרבנות פון מיטלאַלטער, פון דער פאַרשאָלטענער פעאָדאַלער אָרדענונג, פון דער פינצטערניש.

עסמעראַלדאַ — אַ יונג צויבערדיק ציגיינעריש מיידל, אַ גאַסן־טענצערין, אַ שטיק נאַיווקייט, גוטסקייט און ווילדקייט אינאיינעם, אַ קינד פון פאָלק, אַ קרבן פון ווילדקייט און ווילקיר, אַן אייביקער סימבאָל פון פעאָדאַלן און בורזשואַזן יוסטיץ־מאָרד, אַ שעיר־לעזאזל פאַר כלערליי סאָציאַלע געפאַרן.

קוואַזימאָדאָ — אויסערלעכע מיאוסקייט און אינערלעכע גוטסקייט, מענטשלעכקייט, קרבנות־גרייטקייט, אָביעקט פון ווילדער אונטערדריקונג און חוזק. הוגאָ וועט זיך נאָכאַמאָל אומקערן צו דעם אופן פון געבן דאָס פאָלק אין געשטאַלט פון אַ פיזיש צעקאַליעטשעטער מיאוסקייט, אָבער אינערלעכער דערהויבנקייט און שיינקייט — אין דעם ראָמאַן „דער מענטש וואָס לאַכט". דורך דעם האָט דער גרויסער הומאַניסט אויסגעדריקט זיין פּראָטעסט קעגן די פאַרקריפּלער און אונטערדריקער און זיין סאָלידאַרישקייט און ליבשאַפט צום באַשפּיגענעם און געטראָטענעם פאָלק.

קוואַזימאָדאָ, די העסלעכע פיזישע מיאוסקייט, איז אָנגעלאָדן און איבערגעלאָדן מיט שפּרודלדיקער ענערגיע, וועלכע ער האָט אָבער נישט ווּ אויסצולאָדן. דער דאָזיקער קוואַזימאָדאָ, וועלכער פאַראייניקט אין זיך עפּעס מעכטיקס, ווי דעם מהרלס גולם, איז פול מיט ענערגיע ווי דאָס פאָלק אַליין; לאָדט ער זיך אויס אין זיין ליידנ-

שאַפטלעכן קלינגען מיטן גלאָק פון דעם קאַטעדראַל: „ער קוקט אונטער דעם גלאָק, בשעת ער דערנענטערט זיך צו אים, ווי א שפּין לויערט אויף א פליג, און טוט זיך אויף אים האַסטיק א וואָרף, פרעסט זיך איין אין אים און הוידעט זיך צוזאַמען מיט אים איבערן תהום, אָנהאַלטנדיק זיך שטאַרק פאַרן אויערל, דריקנדיק אים מיט דער קני, אונטערטרייבנדיק מיט די קנאַפּל ווי מיט שפּאָרן?" — פּונקט ווי א וויכער. אַ שטורעם טראָגט ער זיך מיטן גלאָק, ווי איבער אן אָפּגרונד.

ביי אנדערע אומשטענדן וואָלט זיך קוואַזימאָדאָס ענערגיע און די שנאה צו זיינע פּייניקער אויסגעלאָדן אין אקטיוון קאַמף קעגן פעאָדאַלן אומרעכט. אינעם ראָמאַן געפינט זיין ענערגיע אן אנדערן תיקון, א ראָמאַנטישן. דער גוטער אויפטו פון עסמעראַלדאַ, וועלכע דערלאַנגט אים, ווען ער שטייט א געבונדענער און אַ באַשפּיגענער, א טרונק וואַסער, דערוועקט אין אים די טיף פאַרבאָרגענע גוטסקייט, ער וועט איצט אַלץ טאָן צו ראַטעווען דאָס מיידל. דאָס פאָלק איז גוט, איז גרייט אויף אלערליי קרבנות, מע דאַרף נאָר קאָנען אַרויסרופן זיינע אמתע געפילן — אָט דאָס איז הויגאָס מיין אין דעם קלאַסישן געשטאַלט קוואַזימאָדאַ.

קעגן אים שטייט דער גלח קלאָד פראָלאָ, אויך א קרבן פון מיטלאַלטער און אליין א פאַרברעכער, אן אינערלעך געפּייניקטער דורך נישט געשטילטער תאווה.

אָבער נישט קלאָד פראָלאָ, נישט דער צעבאַלעוועטער קאַפּיטאַן פעבוס זיינען דער עיקר-ציל פון מחבר. זיין גאַנצע ליבשאַפט גיסט ער אויס אויף קוואַזימאָדאָ און עסמעראַלדאָ, אויף די קינדער פון פאָלק.

VI

„דער גיבור אין קייטן"

עס זיינען געקומען די געשעענישן פון 1848 — דער וויכטיקסטער איבערברוך אין הוגאָס לעבן, אין זיין געזעלשאַפטלעכער איינשטעלונג און קינסטלערישן שאַפן. נאָכן זיג פון דער קאָנטררעוואָלוציע קאָן הוגאָ מער נישט פאַרבלייבן אונטערן רעאַקציאָ-

נערן רעזשים פון דעם „קליינעם נאפאלעאן", ער עמיגרירט, ער ווערט נע־ונד, יארן אויף די נארמאנישע אינדזלען דזשערסי און גערנסעי, בעלגיע, גירושים. פון דער עמיגראציע שיקט ער זיינע בייסיקע פיילן קעגן נאפאלעאן דעם דריטן, דא שאפט ער זיינע ווייטערדיקע בארימטע ראמאנען, וועלכע מאכן אים באליבט ביים פאלקישן לייענער סיי אין זיין צייט, סיי אין די ווייטערדיקע דורות.

אין יאר 1862 דערשיינט דער גרויסער ראמאן „די פארשטויסענע", באקאנט דעם יידישן לייענער אונטערן נאמען „דער גיבור אין קייטן"[11].

דער דאזיקער ראמאן האט אויפגערודערט די דעמלטיקע לייענער־וועלט און האט געווירקט אין משך פון א קנאפן יארהונדערט ביז אונדזערע טעג. דא טרעט ארויס הוגא שוין נישט בלויז מיט א ברייטאטעמדיקער שילדערונג פון פאלק, דא דערהערט זיך די שטים פון דעם טריבון, דער באשולדיקונגס־אקט קעגן דעם פעאדאל־בורזשואזן רעזשים, קעגן דעם עצם אונטערדריקונג פון מענטש דורך מענטש. אויב מיר וועלן אוועקלייגן אין א זייט דעם ראמאנטישן מאטיוו פון איבערדערציען דעם שונא דורך מוחל זיין אים, וואס זיין טרעגער איז טיילווייז דאס געשטאלט זשאן וואלזשאן, וועלן מיר האבן פאר זיך א רעוואלוציאנערן ראמאן פון נייננצנטן יארהונדערט.

הוגא שילדערט די תקופה פון דער רעסטאוראציע, פון דער בורבאנישער רעאקציע אין פראנקרייך. דאס גאנצע לאנד ווימלט מיט טויזנטער שפיאנען, וועלכע באהיטן און באשירמען די רעאקציאנערע ארדענונג. טויזנטער ערלעכע מענטשן ווערן פאר א ליאדע וואס פארשיקט אויף לאנגע יארן שווערע קאטארגע. די קלאסן־„יוסטיץ" בושעוועט אן פארהאלט. דער פאליציייאישער טעראר און ווילקיר, די טויטע פארגליווערטקייט, דאס אוממענטשלעכע און די נשמהלאזיקייט פון בורזשואזן געזעץ איז פארקערפערט אין דעם געשטאלט פון דעם פאליציי־אינספעקטאר זשאווער, ביי וועלכן דער מענטש שפילט נישט קיין שום ראל און דער פארמעלער באפעל פון דעם עלטסטן איז א געזעץ. ביים ערשטן אנריר מיט אן אקט

---

[11] דערשינען אין יידיש פאר דער מלחמה, אינעם פארלאג ב. שימין. דער פראנצויזישער אריגינעלער טיטל פון ראמאן איז: „Les miserables". אויף פויליש: „Nędznicy". עס איז פאראן אויך א יידיש־סאוויעטישע איבערזעצונג א. נ. „די פארשטויסענע".

פון אמתער מענטשלעכקייט מוז ער, זשאַווער, אויסגיין, פאַרשווינדן, ווייל וועגן אים קאָן מען זאָגן פונקט דאָס פאַרקערטע, ווי אין באַקאַנטן לאַטיינישן שפּריכוואָרט — אים איז אַלץ, וואָס איז מענטשלעך, פרעמד.

הוגאָ שפּרייזט אין די „פאַרשטויסענע" אַריבער דעם תחום פון דער בורבאָנישער תקופה. ער גיט אַ שניידנדיקע קריטיק פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט בכלל. ער איז איינער פון די ערשטע שרייבער, וועלכע האָבן דערזען די אומגליקן, וועלכע עס ברענגט מיט זיך דער יונגער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. ער גיט אַ בילד פון דער שוידערלעכער לאַגע פון דעם לוין־אַרבעטער, וועלכן ער פאַרקערפּערט אין דעם באַרימט־געוואָרענעם געשטאַלט פונעם ריז מיט דער גוטער נשמה — זשאַן וואַלזשאַן. הוגאָ האָט אַריינגעבראַכט דעם מאָטיוו פון אַרבעטסלאָזיקייט, פון הונגער ביי אַן אַרבעטער־משפּחה. פאַרן אַרויסשלעפּן ביי אַ בעקער אַ ברויט פאַר די קינדער פון דער שוועסטער, וועלכע גייען אויס פון הונגער, ווערט זשאַן וואַלזשאַן פאַרשיקט אויף לאַנגע יאָרן קאַטאָרגע; און ערשט דאָ ווערט ער אַ פאַרברעכער. צום ערשטן מאָל אין דער וועלט־ליטעראַטור איז דער מאָטיוו פון אַרבעטלאָזיקייט, אָט די שוידערלעכסטע מכּה פון קאַפּיטאַליזם, אויפגעקומען אין הוגאָס ראָמאַן „דער גיבור אין קייטן".

די צווייטע באַגלייט־דערשיינונג פון זיגערישן קאַפּיטאַליזם איז די טראַגעדיע פון דער אַרבעטנדיקער פרוי, וועלכע ווערט געטריבן צו אַליינפאַרלייקענונג, צו לאָזן איר קינד אויף הפקר און צו פּראָסטיטוציע. הוגאָ זעט די אמתע סיבות פון אָט דער שוידערלעכער דערשיינונג פון דער פאַרשאָלטענער אָרדענונג; זיי שטעקן נאָר און אויסשליסלעך אין די עקאָנאָמישע באַדינגונגען. די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע טראַגעדיע ווערט פאַרקערפּערט אין פאַנטינען.

אָבער דאָס שוידערלעכסטע אינעם קאַפּיטאַליזם איז דאָס, וואָס פאַרן קאַטאָרזשאַן און פאַר דער פאַרפירטער פאָלקס־פרוי, וועלכע ווילן חוזר בתשובה זיין און ווערן נוציקע מענטשן, איז דער וועג אויף צוריק, צום נאָרמאַלן לעבן, אָפּגעהאַקט און פאַרשלאָסן. פאַנטינע מוז אומקומען, און זשאַן וואַלזשאַן קאָן נאָך ווייטער לעבן בלויז אַדאַנק זיין אייגענער קרעפטיקער עקשנות, דער עקשנות פון אַ געזונטן פאָלקס־מענטש און אַדאַנק דער מאָראַלישער הילף פון אַ גוטן מענטש; אָבער זשאַן וואַלזשאַן מוז אויסקעמפן יעדן שריט

אין לעבן, ער איז פארמשפט אויף א טאָפּלט לעבן, אויף א כסדר־דיקן נע־ונד, אויף שטענדיקן אומרו.

איצט ווערט קלאָר, וווּ עס שטעקט די סיבה פון דעם, וואָס דער ראָמאַן האָט אויסגעדויערט אַזוי לאַנג און וואָס ער פאַרמאָגט אַן אַקטועלן אויסקלאַנג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער ביזן היינטיקן טאָג.

מיר ווייסן, אַז אין געטאָ האָט מען שטאַרק געלייענט דעם „גיבור אין קייטן"; אין די וואַנדערונגען פון דעם איבעריקן מענטש זשאַן וואַלזשאַן, אין די סצענעס, ווי מיר און מויער ווערן פאַר אים פאַרהאַקט, האָט מען געזען זיך אַליין, די טראַגעדיע פון דעם ייִד אויף „אַרישע" פּאַפּירן. אין די ליכטיקע געשטאַלטן פון די, וועלכע עפענען פאַר זשאַן וואַלזשאַן זייער הויז אין זייערע טרויעריקסטע שעהן, האָט מען געזען די פריינד פון „יענער" זייט, וועלכע האָבן איינגעשטעלט דעם אייגענעם קאָפּ, כדי אויסצובאַהאַלטן דעם „ני־דעריק־ראַסיקן" ייִד.

אָבער דער ראָמאַן פאַרמאָגט נאָך אַ געוואַלדיקן באַטייט — די צווייטע זייט פון דער ווירקלעכקייט. דאָס איז דער אַפּאָטעאָז פון דער רעוואָלוציע, די באַזינגונג פון רעוואָלוציאָנערן טעראָר אין קעגנ־זאַץ צו דער אומזיניקייט און מענטשן־פיינטלעכקייט פון פעאָדאַל־בורזשואַזן געוואַלד, די שילדערונג פון די רעוואָלוציאָנערן געשעע־נישן אין פּאַריז אין יוני 1832 און די גלאָרייע פּרעכטיקע פאָלקס־און רעוואָלוציאָנערע געשטאַלטן.

הוגאָ וויקלט פאַנאַנדער אַ דיסקוסיע איבערן פּראָבלעם רעוואָ־לוציע און סאָלידאַריזם, רעוואָלוציאָנערער טעראָר און אַבסאָלוטע רחמנות לגבי אַלעמען, אַפילו לגבי דעם שונא. די דיסקוסיע ווערט געפירט צווישן דעם שטאַרבנדיקן וועטעראַן פון דער רעוואָלוציע און דעם פרייִדיקער פון רחמנות מאָנסעניער מיריעל. דער רעוואָ־לוציאָנער זאָגט:

— איך האָב געשטימט פאַר דער פאַרניכטונג פון טיראַניע, דאָס הייסט — פון פּראָסטיטוציע פאַר פרויען, שקלאַפנטום פאַר מענער און אומוויסנקייט פאַר קינדער. שטימענדיק פאַר דער רע־פּובליק, האָב איך נעמלעך געשטימט פאַר דער פאַרניכטונג פון די דערמאָנטע געזעלשאַפטלעכע קראַנקהייטן. מיר האָבן אַראָפּגע־וואָרפן די אַלטע אָרדענונג. פאַלנדיק, האָט זי זיך צעבראָכן און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קוואַל פון גליק און פרייד.

מאָנסעניער מיריעל פּרוּווט דערווידערן:

— איר האָט צעשטערט אפשר אויך דאָס, וואָס איז געווען נוצלעך, — ער חערווידערט מיטן ארגומענט, וועלכן עס באַנוצן די „הומאַניטאַרע” קעגנער פון פאָלקס־רעוואָלוציעס אומעטום און אין אַלע צייטן. אויף דעם ענטפערט דער רעוואָלוציאָנער:

— די גערעכטיקייט האָט זיך איר שטרענגקייט, אָבער דאָס איז אַן עלעמענט פון פּראָגרעס.

געשריבן זיינען דורך וויקטאָר הוגאָ די ווערטער מיט קנאַפּע הונדערט יאָר צוריק. און וויפל פרישקייט און אקטועלן ווערט זיי האַלטן איין ביז אונדזערע טעג, ווען עס גייט אַן דער קאַמף פאַר בויען אַ נייע געזעלשאַפט!

געשריבן זיינען די ווערטער נאָכן יאָר 1848, נאָך דעם ווי די בורזשואַזיע האָט בלוטיק דערשטיקט דעם רעוואָלוציאָנערן ארויס־טריט פון פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט. הוגאָ האָט טיף געגלויבט אין דעם, אַז דאָס פּאַריזער פאָלק וועט נאָך אויפשטיין צום קאַמף. דער ציטירטער רעוואָלוציאָנער זאָגט אין דעם ראָמאַן: „די ווינט־מיל איז צעבראָכן, אָבער דער ווינט איז געבליבן” — דער קאַמף איז דער־שטיקט, אָבער די טרייב־קראַפט איז געבליבן. דאָס איז געווען אַ מעכטיקער פאָרהערבורט פאַר די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון 1871.

די שטאַרקסטע בילדער פונעם ראָמאַן זיינען די שילדערונגען פון די באַריקאַדן־קאַמפן אין פּאַריז. אונטער הוגאָס פּען קומען ארויס די שילדערונגען געוואַלדיק דינאַמיש, דער מחבר ווייזט זיי אין זייער אַנטוויקלונג, אין זייער אַנוווּקס. מיר פילן ווי דער שטו־רעם ציט אָן, ווי פון באַזונדערע גרופּעס ווערט אַ מאַסע, ווי פון אַ שטאָט־שעריי אויפן אויער ווערט אַ דעמאָנסטראַציע. מיר טרעפן אויף דער באַריקאַדע, איבער וועלכער עס פלאַטערט די רויטע פאָן, אונדזערע באַקאַנטע, כמעט אַלע פּאָזיטיווע העלדן פונעם ראָ־מאַן, אַלע ערלעכע מענטשן מוזן זיך דאָ געפינען — סיי די רעוואָ־לוציאָנערן מיט אַנזשאָלראַסן בראָש, סיי דער אַלטער אינטעלעק־טואַל, אי זשאַן וואַלזשאַן, אי דער קליינער גאַווראָש, הן די גע־שלאָגענע דורכן ביטערן לעבן פאַנינע, הן דער צוואַנציקיעריקער קליינבירגער מאַריוס. איבער די אַלע געשטאַלטן ווערט דורכן מחבר דערהויבן דער רעוואָלוציאָנערער פירער, דער קאָמאַנדיר פון דער

באַריקאַדע אַנזשאָלראַס. זיין געשטאַלט און זיין העלדישער טויט קומט אַרויס ווי אַ שטיק עכטע פּאָעזיע.

— הערסטו? — זאָגט דער קעמפער לעגל צו זיין חבר. — איך בין אַנטציקט מיט אַנזשאָלראַסן. זיין רואיקער מוט איבעראַשט מיך, ער איז דאָך אַזוי עלנט! מיר אַלע, אויסער אים, האָבן פרויען, געליבטע, וואָס מאַכן אונדז משוגע, איך מיין — מוטיק. אַז מע לעבט ווי אַ טיגער, איז קיין חידוש נישט, וואָס מ׳שלאָגט זיך ווי אַ לייב... אַנזשאָלראַס האָט קיינעם נישט. דאָס איז אומבאַגרייפלעך. ווי קאָן מען זיין קאַלט ווי אייז און אין דער זעלביקער צייט געוואַגט ווי פייער!

אָבער לעגל האָט געהאַט אַ טעות. אַנזשאָלראַס האָט געהאַט אַ הייס האַרץ. ער האָט געהאַט אַ געליבטע, וועלכע ער האָט געליבט מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער האָט פאַר איר געשטרעקט דאָס לעבן.

„אַנזשאָלראַס האָט, דאַכט זיך, נישט געהערט, וואָס מע רעדט וועגן אים, נאָר אויב עמעצער וואָלט געשטאַנען לעבן אים, וואָלט יענער געהערט ווי ער האָט אַרויסגעמורמלט: (ווען ער איז געפאַלן — ב. מ.) פּאַטריאַ!".

פּאַטריאַ, פּאַטרי — פאַטערלאַנד; זי איז געווען די, וועלכן דער רעוואָלוציאָנער האָט צומשטאַרקסטנס ליב געהאַט.

צו די שענסטע געשטאַלטן פונעם בוך געהערט דאָס קינד פון פּאַריזער פאָלק, פון פּאַריזער גאַס — גאַווראָש. דאָס וואונדערלעכע קינד פון פּאַריזער עלנט, דער תמיד-לוסטיקער, אָפּטימיסטישער, הילף-גרייטער גאַווראָש, דאָס סינטעטישע געשטאַלט פון פּאַריזער פּראָלעטאַרישן קינד. נאָך מער: דאָס סינטעטישע געשטאַלט פון אַ פּראָלעטאַריש קינד בכלל. אויב איר ווילט, קאָנט איר אין גאַווראָשן זען אויך עפּעס פון דעם, וואָס עס האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דאָס קינד אין געטאָ, דאָס קינד, וואָס האָט זיך מפקיר געווען פאַר דער משפּחה און וואָס האָט געהאָלפן די קעמפער אויף די פּאָזיציעס פון געטאָ-אויפשטאַנד פונקט ווי דער אמתער גאַווראָש אויף דער פּאַריזער באַריקאַדע. גאַווראָש איז נישט סתם קיין קינד, קיין גאַסן-יינגל. דאָס איז דער העלד פון דער פּאַריזער צעבונטעוועטער גאַס. גאַווראָש איז נישט איינער, אַ אויסנאַם, דאָס איז גאַמען — דאָס קינד פון דער פּאַריזער אָרעמשאַפט.

„דאָס בלאַסע קינד פון פּאַריז, דער גאַמען, לעבט און וואַקסט אין ליידן, קוקט זיך צו צום לעבן און צו די מענטשלעכע מעשים און

טראַכט וועגן זיי, נישט קוקנדיק אויף זיין אויסערלעכן לייכטזין. ער קוקט און איז גרייט צו לאַכן, ער איז אָבער גרייט אויך צו עפּעס אַנדערש. ווער איר זאָלט נישט זיין און וואָס פּאַרא נאָמען איר זאָלט נישט טראָגן: פֿאַנאַטיזם, אומגערעכטיקייט, דעספּאָטיזם, אונטערדריקונג, טיראַניע, — ציטערט פֿאַרן גאַמען. ווייל דאָס דאָזיקע קינד וואַקסט אויס, און וואַקסן וואַקסט עס אויס עפּעס ווי דורך אַ מופֿת, אין איין מינוט. היינט שפּילט ער זיך אין רינשטאָק, מאָרגן ברעכט אויס אַן אויפֿשטאַנד — ווערט פֿון גאַמען אַ מאַן, פֿונעם יינגל אַ ריז, דעמלט ווערט ער נישט נתפּעל פֿון קאַנאָנען אויך. אַ מינוט קוקט איר אים אָן און זאָגט: „דאָס איז אַ קונדס". אין אַ מינוט אַרום וווּנדערט איר זיך און שרייט: „דאָס איז אַ העלד!" צוויי זאַכן זיינען פֿאַראַן, נאָך וועלכע ער גאַרט שטענדיק און קאָן קיינמאָל צו זיי נישט קומען: אַראָפּוואַרפֿן די רעגירונג און געבן פֿאַרריכטן די הויזן".

און הוגאָ גיט צו: „דער גאַמען איז דאָס פֿראַנצויזישע פֿאָלק אַליין".

דאָס פֿאָלק, וואָס קאָן זיך שטיפֿעריש, קינדיש ווײַלן און מוטיק קעמפֿן; וואָס קאָן פֿון אַ קינד און שטיפֿער זיך שנעל פֿאַרוואַנדלען אין אַ העלדישן קעמפֿער.

ווידעראַמאָל דערשיינט הוגאָ ווי אַ בשורה־אָנזאָגער פֿון אָנציענדיקן סאָציאַלן שטורעם. — היט זיך! — רופֿט ער אויס צו די באַזיצנדיקע און הערשנדיקע קלאַסן. אין עטלעכע יאָר אַרום ווערט זיין וואַרענונג־געשריי נאָך שטאַרקער, און דווקא אין אַ ראָמאַן פֿון לאַנג־פֿאַרגאַנגענע ציטן.

VII

„דער מענטש וואָס לאַכט"

ווען די לייענער האָבן זיך אין יאָר 1869 צום ערשטן מאָל באַקענט מיט הוגאָס נייעם היסטאָרישן ראָמאַן „דער מענטש וואָס לאַכט",[12] האָבן זיי זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן, ווי שטאַרק די געשעענישן פון זיבעצנטן יאָרהונדערט אין ענגלאַנד דערמאָנען דעם ניינצנטן יאָרהונדערט. זיי האָבן געהאַט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געלייענט אַ ראָמאַן אויף אַ קעגנוואַרטיקער טעמע. אַזאַ איינדרוק האָבן מיר נאָך היינט, ווען מיר לייענען דעם ראָמאַן. דער קאָלאָריט פון דער געשילדערטער צייט, פון נאָכקראָמוועלישן ענגלאַנד איז איינגעהאַלטן מיט אַ געוואַלדיקער פּינקטלעכקייט. פּונקט ווי אין דעם „גלאָקן-קלינגער פון נאָטר-דאַם", אַזוי פילט זיך אויך אין דעם „מענטש וואָס לאַכט" אַ שלל מיט אַריינגעלייגטער שטודיר-אַרבעט; דער ראָמאַן קאָן אין אַ ריי הינזיכטן אַ סך מער דינען ווי אַ מאַטעריאַל צו דערקענען יענע עפּאָכע איידער פולבייכיקע ביכער פון בירגערלעכע היסטאָריקער און שטייגער-באַשרייבער. דער פּאָבולאַרער עלעמענט, וואָס איז געבויט אויף דעם שרייבערס שעפערישער פאַנטאַזיע, שטערט לגמרי נישט אין דעם ראָמאַן צו דערקענען אין פולן אמת די געשילדערטע עפּאָכע.

„דער מענטש וואָס לאַכט" איז אַ געוואַלדיקע שאַרפע קריטיק פון דער אומגערעכטיקער אָרדענונג, וועלכע שפּאַרט זיך אָן אויף אונטערדריקונג פון פאָלק, אויף ליגן, אויף צביעות, אויף שווידערלעכער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטנדיקע שיכטן. דער ראָמאַן איז דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט צום פאָלק, מיט שנאה צו דעם הייפל אונטערדריקער, מיט בענקשאַפט צו אַ נייער, יושרדיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וווּ די פעלקער און דער מענטש וועלן זיין פריי און גוט.

דאָס איז געווען דער זיבעצנטער יאָרהונדערט, די צייט פון דעם ווילקיר פון דער קאָנטררעוואָלוציע נאָך קראָמוועלן, דער יאָרהונ-

---

[12] „L'homme qui rit."

[illegible] ייִדישע איבערזעצונג איז דערשינען אין יאָר 1920 אין ניו-יאָרק.

דערט, ווי הוגאָ דריקט זיך אויס, פון אומוויסנדיקייט, פאַרדאָרבנקייט און גרויזאַמקייט. און דורך אַנאַלאָגיע קאָן מען זאָגן: די צייט פון דער בורבאָנישער און שפּעטער באָנאַפּאַרטיסטישער רעאַקציע אין פראַנקרייך, די צייט פונעם ווידערטריומף פון פאַרדאָרבנקייט, גרויזאַמקייט און אונטערדריקונג אין הוגאָס היימלאַנד.

הוגאָ גיט אַ ברייטע שילדערונג פון דער קאָנטררעוואָלוציע אין ענגלאַנד; דער פראַנצויזישער לייענער האָט לייכט געקאָנט אין דער שילדערונג געפינען אַן אַנטשפּרעכיק בילד פון דער קאָנטררעוואָלוציע אין פראַנקרייך:

„אַזוי אַרום — שרייבט הוגאָ מיט בייסיקער איראָניע — האָט זיך ענגלאַנד צוריקגעקערט צו די געזונטע, סאָציאַלע יסודות פון די אַמאָליקע צייטן. עס איז צוריקגעשטעלט געוואָרן די אַלטע אָרדענונג און דערמיט אויך די פריערדיקע ליטעראַרישע געשמאַקן. שעקספּיר און מילטאָן גאָרנישט מיט גאָרנישט. דרייטען[13] איז געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „גרעסטער פּאָעט פון ענגלאַנד". אַלץ האָט זיך צוריקגעקערט אויפן פריערדיקן אָרט: דרייטען אין דער הויך, שעקספּיר — אונטן. קאַרל דער צווייטער — אויפן טראָן, קראָמוועל — אויף דער תליה. ווייל איז דעם פאָלק, וואָס קאָן איינפירן אַזאַ פעסטע אָרדענונג אין לאַנד און אַזאַ אויסגעאיידלטן געשמאַק אין דער ליטעראַטור".

אין דעם ראָמאַן געפינען מיר אַ סך גלענצנדיקע אַרויסזאָגונגען, וועלכע מאַכן ממש שטוינען מיט זייער דורותדיקער דויערהאַפטיקייט. די דאָזיקע אַרויסזאָגונגען זיינען נוגע דעם קאָנטררעוואָלוציאָנערן טעראָר, דער פאַרקויפטער פעאָדאַלער און בורזשואַזער היסטאָריאָגראַפיע, דער בריטישער יוסטיץ, וועלכע „איז ווי אַ געצוימטער טיגער; ער שטעלט אַרויס אַ גלעלע לאַפּע. אָבער פון אונטן זיינען נאָך די נעגל דאָ. עס וואָלט קלוג געווען די נעגל אָפּצושניידן".

דער ראָמאַן איז איין גרויסע בייסיקע סאַטירע אויף די מאָנאַרכן און דעספּאָטן, אויף דער ענגלישער קעניגין אַננאַ; דער פראַנצויזישער לייענער האָט זיך געקאָנט בדרך אַנאַלאָגיע פאָרשטעלן שאַרל דעם צענטן, לואי־פיליפּן, נאַפּאָלעאָן דעם דריטן.

„די קעניגין אַננאַ — זאָגט הוגאָ, — איז געווען אַביסל אומצופרידן מיט דער הערצאָגין זשאָזיאַנאַ צוליב צוויי סיבות:

---

[13] מייקל-דרייטען — אן ענגלישער דיכטער פון סוף 16-טן און אנהייב 17-טן י. ה., א מיטלמעסיקייט.

ערשטנס — דערפאר, ווייל די הערצאָגין איז געווען אַ שיינע.

צווייטנס — דערפאַר, ווייל זי האָט גערעכנט, אַז דער הערצאָגינס צוקונפטיקער מאַן איז אַ שיינער.

צוויי סיבות צו זיין אייפערזיכטיק איז גענוג פאַר אַ פרוי, איינע — פאַר אַ קעניגין. אננא האָט נישט ליב געהאַט קיין שיינע פרויען, ווייל זי איז אַליין געווען מיאוס.

נאָר עפּעס ווילן מיר צוגעבן, זי האָט פיינט געהאַט זשאָזיאַנאַ, ווייל זי איז געווען איר שוועסטער".

צביעות, קעגנזייטיקע שנאה, קאָרופּציע, גייסטיקע און פיזישע דעגענעראַציע, פאַראַכטונג צום פאָלק, צעלייגונג פון דער משפחה הערשט ביי די פעאָדאַלן פון ענגלאַנד. אפילו דאָס ליבע־געפיל איז ביי זיי פאַרקריפּלט, עקלדיק־סאַדיסטיש, חיהש. דער אויסדרוק פון דעם איז די הערצאָגין זשאָזיאַנאַ, וועלכע זוכט אַלץ פרישע אָביעקטן פאַר איר סעקסועלער הפקרות.

דאָס פאָלק ווערט דורך הוגאָ נישט אידעאַליזירט, אָבער געוויזן אין מאָראַלישער ריינקייט, הילף־גרייטקייט און נשמה־געזונטקייט, הגם אויסערלעך, פיזיש איז עס דורך דער אונטערדריקנדיקער אָרדענונג צעקאַליעטשעט געוואָרן. די געשטאַלטן פון פאָלק זיינען דאָס פיזישע פאַרזעעניש גוינפּלען, דער וואַנדערנדיקער אַקטיאָר און אייגנאַרטיקער פאָלקס־פילאָזאָף אורסוס און דאָס בלינדע מיידל דעאַ.

דער אַריסטאָקראַטישער וועלט פון צביעות און גזלה שטעלט הוגאָ אַנטקעגן דאָס פאָלק. דאָס בוך איז איין לײַדנשאַפטלעכער אויסגעשריי קעגן דער פאַרשאָלטענער, הערשנדיקער אָרדענונג. „אויף דעם גיהנום פון די אָרעמע — רופט אויס הוגאָס העלד גווינפּלען, — איז אויפגעבויט דער גן־עדן פון די רייכע".

הוגאָ האָט געשטעמפּלט דעם רויבערישן ענגלישן אימפּעריאַליזם, וועלכער איז געבויט אויף גזלה לגבי פרעמדע און עקספּלואַטאַציע פון אייגענעם פאָלק. „איר, ענגלענדער, — זאָגט הוגאָ — ענגט אַ נאַציע, וואָס פרעסט אויף אַנדערע".

ווען מע לייענט היינט די שילדערונג פון אורסוסעס פאַרהער אויף דער אינקוויזיטאָרישער קאָמיסיע פון די דריי דאָקטוירים (פון דעם טעאָלאָג, יוריסט און מעדיקער), פילט מען דעם ביטערן טעם פון די היינטיקע אַמעריקאַנישע אַנטיקאָמוניסטישע אויספאָרש־קאָמיסיעס, וועלכע זיינען בודק יעדן, וואָס איז פאַרדעכטיק אין סימפּאַטיזירן מיט דער שלום־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט פון פרייען געדאַנק.

הוגאָ פאַראורטיילט דורכן מויל פון זיין פאָלקס-געשטאַלט אור-סוס די ראַסיסטישע און רעליגיעזע פאַראורטיילן און שנאה. ביי אור-סוסן זיינען אַ ייד און אַ קריסט גלייכע מענטשן, צו משומדים פילט ער אַן עקל. זיי שטינקען, פונקט, ווי עס אווערן אַלע דעזערטירן פון פאָלק און פאַרעטער.

הוגאָ פאַרשעלט די שוידערלעכע אָרדענונג, וועלכע דערלאָזט נישט צום גליק פון פשוטן מענטש. פאַרן מענטש פון פאָלק איז דאָס גליק פאַרווערט. „אָ, איר ביידע זענט גליקלעך, — זאָגט אורסוס צו די פאַרליבטע גווינפּלען און דעאַ, — דאָס איז קעגן געזעץ!" נאָר זי, די אומגערעכטיקע אָרדענונג, איז שולדיק אין דעם, וואָס דאָס אידיליע צוזאַמענלעבן פון גווינפּלען און דעאַ ווערט צעשטערט, וואָס ביידע מוזן באַצאָלן מיט זייערע יונגע לעבנס.

דער סיפור-המעשה פון ראָמאַן איז אָרגאַניש צונויפגעוועבט מיט דער אידעע, וועלכע הוגאָ וויל אַרויספירן. דאָס איז אַ שוידער-לעכע געשיכטע פון אַ גרויליקן פאַרברעכן מצד דעם קעניג קאַרל דעם צווייטן, וועלכע איז זיך נוקם אין דעם לאָרד קלאַנטשאַרלי, דערפאַר, וואָס דער לעצטער איז געווען אַן אַנהענגער פון דער רע-פובליק, פון קראָמוועלן, דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרלאָזט זיין אייגענעם רעאַקציאָנערן און אויסגעשפּילטן פעאָדאַלן קלאַס. דער-פאַר ווערט דאָס קינד פון דעם לאָרד קלאַנטשאַרלי איבערגעגעבן אין די הענט פון די קינדער-הענדלער, די „קאָמפּראַטשיקאָס", וועלכע פירן דורך איבער אים אַן אָפּעראַציע, צעקאַליעטשען זיין פּנים, פאַר-וואַנדלען אים אין אַ „מענטש וואָס לאַכט" און לאָזן אים איבער אויף אַ פוסטן ים-ברעג. דאָס יינגל וואַנדערט איינזאַם און ראַטעוועט פון טויט אַ קינד פון אַן אָרעמער פאַרפרוירענער פרוי. דאָס קינד איז בלינד. מיט די עלנטע יתומים פאַרנעמט זיך דער פאָלקס-מענטש אורסוס, וועלכער מאַכט זיי פאַר אַקטיאָרן. דער מענטש וואָס לאַכט האָט אַ ריזיקן דערפאָלג. פאַרשטויסן פון מענטשן צוליב זיין אויסער-לעכן אויסזען, געפינט ער אַ טרייסט ביי דער בלינדער דעאַ.

מיטאַמאָל דרייט זיך איבער דאָס מזל. די קעניגין דערוויסט זיך, אַז גווינפּלען, דער מענטש וואָס לאַכט, איז דער יורש פון לאָרד קלאַנטשאַרלי. ער ווערט אויס גווינפּלען — ער ווערט אַ לאָרד און אַ פּער פון ענגלאַנד. ער איז אָבער שוין אַ קינד פון פאָלק. ער האָט גע-זען און אַליין דורכגעלעבט זיינע יסורים. ער באַשליסט צו גיין אין לאָרדן-הויז און ווערן דער „לאָרד פון די אָרעמע". ער איז דער איינ-

ציקער, וואָס שטימט קעגן פרישע שטייערן. ער האַלט אין לאַרדן־הויז אַ רעדע, וועלכע קלינגט ווי אַ גרויזאַמער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די אונטערדריקער פון פאָלק.

„איך בין דער, וואָס קומט פון דעם אָפּגרונד. מיינע לאָרדן, איר זענט גרויסע און רייכע. דאָס איז געפּערלעך. איר צייט אייערע רווחים פון דער נאַכט. אָבער היט זיך, עס איז דאָ אַ גרויסע קראַפט — דער פרימאָרגן. דער פרימאָרגן קאָן נישט אונטערגיין. ער מוז קומען, ער קומט, און אין זיך טראָגט ער די אומפאַרמיידלעכע ליכט פון טאָג... איך בין געקומען אייך וואָרענען, איך בין געקומען פאַראורטיילן אייער גליק, ער איז געמאַכט פונעם גליק פון אַנדערע... לאָמיר זיך שרעקן, מיינע לאָרדן. דאָס גאַנצע גליק פון דער וועלט איז פאַר אייך, פון דער גרויסער וועלט האָט איר בלויז די יום־טובים. דערוויסט זיך, אַז עס איז אויך דאָ שאָטן... איינמאָל ביינאַכט, אַ שטורעמדיקע נאַכט, זייער יונג, פאַרלאָזן, אַליין אין דער אומענדלעכער וועלט, בין איך אַריין אין דער פינצטערניש, וואָס איר רופט אָן געזעלשאַפט. די ערשטע זאַך, וואָס איך האָב דערזען, איז געווען דאָס געזעץ אין דער פאָרם פון אַ תליה. די צווייטע זאַך, וואָס איך האָב געזען, איז געווען רייכטום, אייער רייכטום, אין דעם געשטאַלט פון אַ פרוי, אַ טויטע פרוי, טויט פון קעלט און הונגער. די דריטע זאַך איז געווען די צוקונפט אין דער פאָרם פון אַ שטאַרבנדיק קינד. דאָס פערטע איז געווען די גוטסקייט, דער אמת און די גערעכטיקייט אין דער פערזאָן פון אַ וואַגאַבונד, וועמענס איינציקער פריינד און חבר איז געווען אַ וואָלף"... „אייערע פיס טרעטן איבער קעפּ!" — זאָגט ווייטער דער מענטש וואָס לאַכט. ער שטימט קעגן רייסן נייע שטייערן פון פאָלק. אויף וועמענס פּלייצעס פאַלן די נייע שטייערן? אויף די פּלייצעס פון די אָרעמע פישער, וואָס עסן גראָז, ווען עס איז נישטאָ קיין פאַנג; פון די קוילן־גרעבער, וועלכע שטאַרבן פון הונגער... „איר נעמט אַוועק ביים שווערן אַרבעטער און גיט דעם ליידיק־גייער!"

עס קומט אויס, ווי הוגאָ וואָלט גערעדט נישט בלויז צו די ענגלישע פּעאָדאַלן, נאָר אויך צו דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע, צום „קליינעם נאַפּאָלעאָן". ער רופט אויס „היט זיך!" אויפן הילכיקן געלעכטער פון די לאָרדן, אויף זייער אָפּשפּעטן פון זיין אויספיר, ענטפערט גווינפּלען:

„דאָס געלעכטער, וואָס ליגט אויף מיין פּנים, איז אַרויפגעלייגט געוואָרן דורך אַ קעניג. דאָס געלעכטער דריקט אויס אוניווערסאַלע איינזאַמקייט; דאָס געלעכטער מיינט האַס, איינגעהאַלטענע רואיקייט, צאָרן, פאַרצווייפלונג. דאָס געלעכטער איז אַ פּועל־יוצא פון מאַטערניש, דאָס געלעכטער איז אַן אַרויפגעצוווּנגנס... איך שטעל מיט זיך פאָר די מענטשהייט, אַזוי ווי די הארן האָבן זי געמאַכט. וואָס מע האָט געטאָן מיט מיר, האָט מען אויך געטאָן מיט דער מענטשלעכער ראַסע. זיי האָבן צעקאַליעטשעט רעכט, גערעכטיקייט, אמת, שכל, פּונקט ווי זיי האָבן צעקאַליעטשעט מיינע אויערן, אויגן און נאָז”...

אין גווינפּלענס קול לייגט הוגאָ אַריין דעם דונערנדיקן אָנזאָג פון דער פאָלקס־רעוואָלוציע.

„ציטערט! דער סוף קומט אָן. די נעגל, וואָס מע האָט אָפּגעשניטן, וואַקסן צוריק אַרויס. די צונגען פון פייער, צעוואָרפן פון ווינט, שרייען אין דער אומענדלעכקייט. די, וואָס זיינען הונגעריק, ווייזן די ציין. דער גן־עדן, וואָס איז געבויט אויפן גיהנום, וואַקלט זיך”...

און צום סוף קומט די וויזיע פון דער צוקונפט, פון דער פרייער געזעלשאַפט, וועגן וועלכער עס האָבן געטרוימט און געקעמפט דורות:

„עס וועט קומען אַ צייט, ווען מיר וועלן האָבן אַן אמתע געזעלשאַפט. דעמלט וועלן מער נישט זיין קיין לאָרדן. עס וועלן זיין פרייע, לעבעדיקע מענטשן. עס וועלן מער נישט זיין קיין הארן. עס וועלן זיין פאָטערס. עס וועלן מער נישט זיין קיין שלעכטס, קיין אומוויסנקייט, קיין חיות, קיין קעניג, קיין הויף־מענטשן, קיין לאַקייען. ליכט!”

דער טראַגישער פעלער פון גווינפּלען, דעם פּאַרטייידיקער פון פאָלק איז געווען — און דאָס אונטערשטרייכט אומדירעקט הוגאָ אַליין — וואָס ער האָט, אַנשטאָט זיך ווענדן צום פאָלק גופא און אים אויפהייבן צום קאַמף, זיך געווענדט מיט אַ וואָרענונג צו די אונטערדריקער... אַן אַנטוישטער פאַרלאָזט ער דאָס לאָרדן־הויז. זיין נאַטירלעכער וועג איז צוריק צום פאָלק, צו אורסוס, צו דעאַ.

דעם ראָמאַן „דער מענטש וואָס לאַכט” האָט האַליוויד פאַרקריפּלט און פאַרוואַנדלט אין אַ נאַטוראַליסטישן שפּיל, אַרויסשניידנדיק דאָס גאַנצע רעוואָלוציאָנערע שטאָף. אָבער דער דאָזיקער

ראָמאַן האָט אויסגעדריקט פּונקט ווי דער פּריידיקער. זיין סאָציאַלער פּאַטאָס איז פול מיט פרישקייט און באַגייסטערט היינט דעם לייענער צום קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט. גרוינפלענס וויזיע פון דער פרייער געזעלשאַפט ווערט היינט רעאַליזירט אין די לענדער פון זיגרייכן און בויענדיקן סאָציאַליזם. מאָרגן וועט גרוינפלענס טרוים פאַרווירקלעכן דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק פון דער וועלט.

VIII

דער ראָמאַן וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע

צוויי-און-זיבעציק יאָר איז וויקטאָר הוגאָ אַלט געווען, ווען ער האָט פאַרענדיקט זיין גרויסן ראָמאַן וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דעם היסטאָרישן ראָמאַן „דאָס דריי-און-ניינציקסטע יאָר"[14] (דערשינען אין יאָר 1874).

אין דער צווייטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט מערקט זיך ביי די פראַנצויזן אַ שטאַרקער דראַנג צו שטודירן און אַנאַליזירן די פאַרגעקומענע רעוואָלוציעס. מע האָט זיך געוואָלט דערגרונטעווען צו די סיבות פון דעם פאַרלויף פון די רעוואָלוציעס, פון זייער היסטאָרישן גורל. מאַרקס האָט באַמערקט, אַז די פּאַריזער ווייזן אַרויס אַ גרויסן אינטערעס צו שטודירן זייער נישט-לאַנגע, רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט, כדי זיך גרייטן צום אָנקומענדיקן, נייעם, רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

אַן אויסדרוק פון אָט דעם פאַרלאַנג איז געווען הוגאָס ראָמאַן „דאָס דריי-און-ניינציקסטע יאָר". נישט געקוקט אויף דעם ראָמאַנטישן מאָטיוו פון מוחל זיין, וועלכער וועבט זיך אַדורך אין דעם ראָמאַן, פּונקט ווי אין דעם „גיבור אין קייטן", שטעלט מיט זיך פאָר „דאָס דריי-און-ניינציקסטע יאָר" — ווי עס האָט ריכטיק פעסטגעשטעלט דער סאָוויעטישער קריטיקער א. איוואַשטשענקאָ — „אַ באַשטעטיקונג פון דער גרויסקייט און גערעכטיקייט פון דעם אמתן פּאַטריאָטיזם פון די קעמפער און פאַרטיידיקער פון דער רעוואָלוציע

---

[14] „Quatr-vingt-treise."

ארויס אין יידיש פאר דער מלחמה אין ווארשע אינעם פאַרלאַג „יידיש".

אין פאַרגלייך מיט דעם ליגנערישן, דעגענערירטן „פּאַטריאָטיזם" פון די וואַנדייער.[15]

דער ראָמאַן גיט אַ שילדערונג פון דעם בירגער־קריג אין וואַנ־דייע, ווו די קאָנטררעוואָלוציע האָט מיט דער הילף פון ענגלאַנד אויפ־געהויבן דעם קאָפּ. דער ראָמאַן ווייזט אויך אַ פראַגמענט פון פּאַריז אין די רעוואָלוציאָנערע טעג. אָבער אין צענטער פון ראָמאַן שטייט נישט די שילדערונג פון די געשעענישן, נאָר דאָס וויכטיקע פּראָב־לעם: דער מהות פון דער רעוואָלוציאָנערער גערעכטיקייט; רחמנות אין ליכט פון דער רעוואָלוציאָנערער מאָראַל. פון דעם שטאַנדפּונקט פאַרמאָגט „דאָס דריי־און־ניינציקסטע יאָר" אַ גרויסן אַקטועלן באַ־טייט אויך פאַרן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, פאַר אונדזער דור.

יאָ, די רעוואָלוציע און אירע טרעגער און באַשיצער זייַנען הו־מאַניטאַר, זיי האָבן ליב דעם מענטש, ווייל זייער גאַנצע טעטיקייט, זייער קרבן איז לטובת דעם מענטש און זיין גליק. די רעוואָלוציע איז אַ גרויסער אַקט פון אמתן הומאַניזם. דער אומבאַפלעקטער, טיף־ערלעכער, אויסגעהאַלטענער און שטרענגער רעוואָלוציאָנער סימור־דען, דאָס סינטעטישע געשטאַלט פון רעוואָלוציאָנערן פאָלק, איז דער ברידערלעכסטער מענטש אויף דער וועלט. זיין „איך" עקזיסטירט נישט פאַר אים לגמרי. ער איז נישט בלויז פאַרטאָן אין דער רעוואָלו־ציע, ער זעט נישט בלויז דאָס גרויסע, דעם וואַלד, ער זעט אויך די ביי־מער, דעם ליידנדיקן יחיד, וועמען ער קומט תמיד צו הילף. ער באַ־זאָרגט מסירת־נפשדיק פאַרוונדעטע, ער פלעגט קראַנקע, ער שטעלט איין דאָס אייגענע לעבן, כדי צו ראַטעווען פון דעם שונאס שווערד דעם קאָמאַנדיר און זיין שילער גאָווען. אָבער ער איז אומברחמנות־דיק פאַר פאַררעטער און שונאים. זיין רחמנות איז נישט קיין אַב־סטראַקטע, זיין רחמנות־געפיל איז פול מיט אינהאַלט — רחמנות צום פאָלק, און כדי דאָס פאָלק זאָל באמת דערגרייכן פרייהייט און גליק, מוז מען דאָס לאַנד באַפרייען פון פאַרעטער. „אין צייטן — זאָגט סימורדען — אין וועלכע מיר לעבן, קאָן אַמאָל רחמנות ווערן איינע פון די פאָרמען פון פאַראַט".

סימורדען איז נישט קיין נשמה־לאָזער מענטש. ווען ער פאַר־משפט דעם פאַרעטער, איז עס נישט ביי אים קיין לייכטע זאַך. ער ליידט טיף — אָבער ער ווייסט, אַז אַזוי מוז עס זיין, טאַקע צוליב

[15] א. איוואַשטשענקאָ: „דער שרייבער־טריבון", „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" פון 28־טן פעברואַר 1952.

רחמנות פאַרן פאָלק. אין דער זעלביקער צייט שילדערט הוגאָ דעם פאַרשטייער פון דער קאָנטררעוואָלוציע, דעם פירשט פון ברעטאַן לאַטענאַק ווי אַ רוצח אָן שום סקרופולן און געוויסנביסן, ווי אַ מערדער נישט בלויז פון זיינע קעגנער, נאָר אויך פון אומשולדיקע מענטשן, פון פאָלק בכלל. מיט אַ לייכט געוויסן גיט ער אַ שנעלן באַפעל צו דערשיסן די צוויי פרויען, וואָס איינע פון זיי איז אַ מאַמע פון דריי קינדער. אָן שום מענטשלעכן געפיל הייסט ער לאָזן אין פייער דריי אומשולדיקע קינדער.

די סאָלדאַטן פון דער רעוואָלוציע ראַטעווען מאַמע און קינדער, היימלאָזע און פאַרשטויסענע; די קאָנטררעוואָלוציאָנערן שיסן און ברענען, רויבן און צעשטערן. הוגאָ שטעלט אַוועק אַ בפירושע שייד־ליניע צווישן די צוויי מאָראַלן, דער „מאָראַל" פון די וואַנדייאַישע קאָנטררעוואָלוציאָנערן אונטער דער אָנפירונג פון פירשטן, און דער מאָראַל אין די פּאַריזער פרייהייט־קעמפער אונטער דער אָנפירונג פון די יאַקאָבינער.

הוגאָ שטעלט נאָך איין פּראָבלעם, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיטן ערשטן: צי מעג מען העלפן י ע ד ן א י י נע ם, אפילו אַ שונא? און ער גיט אָן ענטפער אויפן ביישפּיל פון דער האַנדלונג פון דעם אַרעמען פויער טעלמאַרק. ווען טעלמאַרק דערזעט דעם וואָגלדיקן פירשט פון ברעטאַן, זיין געוועזענעם פעאָדאַלן האַר, באַהאַלט ער אים אויס, אָבער ער באַוואָרנט זיך: אַוודאי איז דער פירשט צוריקגעקומען פון ענגלאַנד מיט „כשרע" כוונות. אָבער ווען ער דערזעט, צוליב וואָס דער פירשט איז צוריקגעקומען פון דער בריטישער עמיגראַציע, ווען ער דערזעט די שריפות, געוואַלדטאַטן, רציחות איבער דער פרידלעכער באַפעלקערונג, וואָס ווערן דורכגעפירט אונטערן פירשטס אָנפירונג, ציטערט ער אויף און ער קלערט שוין אַנדערש: „הייסט עס, אַז אַ גוטער אויפטו קאָן ווערן אַ שלעכטער אויפטו. ווער עס ראַטעוועט דעם וואָלף, טויט די שעפסן".

טעלמאַרקס רחמנות און גוטסקייט האָבן געהאַט אַ טעות אין דעם אָביעקט, זיי האָבן געראַטעוועט אַ וואָלף. דער אויפטו פון ראַטעווען אַ מענטש איז אין גרונד אַ גוטע זאַך. אָבער וועמען האָט טעלמאַרק, אויסבאַהאַלטן? נישט קיין מענטש, נאָר אַ וואָלף, אַ שונא פון מענטש. דעריבער איז זיין גוטסקייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַנטייל אין אַ פאַרברעכן.

דער פירשט לאַטענאַק, דער אַגענט פון ענגלאַנד, אָרגאַניזירט דעם קאָנטררעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד, אויסנוצנדיק די פינצטערקייט און אָפגעשטאַנענקייט פון די וואַנדייער. עס טרעט קעגן אים אַרויס די אַרמיי פון דער רעוואָלוציע אונטער דער אָנפירונג פון גאַוען. לאַטענאַק פאַלט אַריין אין די הענט פון דער פאָלקישער אַרמיי. גאָווען, וועלכער שטאַמט אַליין פון אַדל און איז, אַגב, דעם פירשטס אַ קרוב (אָבער נישט דער מאָמענט דעצידירט), ראַטעוועט לאַטענאַקן, לאָזט אים אַרויס אויף דער פריי, ווייל ער מיינט, אַז דעם פירשט קומט אַ באַלוינונג, וואָרעם ער האָט אין דער לעצטער מינוט, געריהרט פון דער מאַמעס ווייגעשריי, אַרויסגעצויגן די דריי קינדער פון פייער. אָבער טיף אין האַרצן גיט זיך אָפ גאָווען אַ דין־וחשבון פון דער נישט־ריכטיקייט פון זיין האַנדלונג. שטייענדיק פאַרן רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל, איז ער זיך מודה:

„אָט וואָס, איין זאַך האָט מיר געשטערט צו זען די צווייטע; איין גוטע טאַט, וועלכע איך האָב געזען פון דער נאָענט, האָט מיר פאַרשטעלט הונדערטער פאַרברעכערישע מעשים; פון איין זייט אַ זקן, פון דער צווייטער קינדער — דאָס אַלץ האָט זיך געשטעלט צווישן מיר און דער פליכט. איך האָב פאַרגעסן די אונטערגעצונדענע דערפער, די פאַרוויסטע פעלדער, די געטויטע געפאַנגענע, די געהרגעטע פאַרווונדעטע, די צעשאָסענע פרויען, איך האָב פאַרגעסן אין פראַנקרייך, וועלכע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צו ענגלאַנד; איך האָב געלאָזט פריי דעם מערדער פון פאָטערלאַנד, איך בין שולדיק”.

וועגן גאָווענען קאָן מען זאָגן דאָס, וואָס עס האָט געזאָגט דער אַנטוישטער און פאַרביטערטער פויער טעלמאַרק: „ווער עס ראַטעוועט דעם וואָלף, טויט די שעפסן”.

גאָווענס פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז טויזנט מאָל גרעסער ווי טעלמאַרקס, וועלכער האָט געהאַנדלט אין זיין תמימות און וועלכער פאַרנעמט נישט אַזאַ הויכן אַמט ווי דער הויפט־קאָמאַנדיר גאָווען. צוליב גאָווענס רחמנות־געפיל איז דאָס פאָטערלאַנד געשטעלט געוואָרן אין סכנה, — האָט דערקלערט איינער פון די ריכטער, גאָווענס נאָענטער מיטאַרבעטער און פריינד קאַפיטאַן געשאַן.

גאָווען ווערט פאַרמשפט דורכן רעוואָלוציאָנערן אַרמיי־טריבונאַל צום טויט.

ווי האָט געזאָגט דער אַלטער רעוואָלוציאָנער אין דעם ראָמאַן „דער גיבור אין קייטן”: די רעוואָלוציע פאַרמאָגט איר שטרענגקייט; דאָס איז אַן עלעמענט פון פראָגרעס.

דאָס „דריי־און־ניינציקסטע יאָר" איז אַ בוך, פון וועלכן דער באַשיצער פון דער רעוואָלוציע, פון דער פאָלקס־רעפּובליק קאָן אַ סך לערנען. עס איז נישט קיין בוך פון נקמה, נאָר אַ בוך פון שטרענגן, אין גרונט הומאַניסטישן מידת־הדין פון פאָלק.

IX

„די ים־אַרבעטער"

צו הוגאָס וויכטיקסטע ראָמאַנען (און מיר באַטראַכטן אין דער אַרבעט נאָר די וויכטיקסטע ווערק פון דעם גרויסן שרייבער) געהערן „די ים־אַרבעטער",[16] וועלכע זיינען דערשינען פאַרן „מענטש וואָס לאַכט" — אין יאָר 1866.

דער דאָזיקער ראָמאַן איז פון איין זייט אַן אומברחמנותדיקע, צעשמעטערנדיקע קריטיק פון פינצטערניש, זאַבאַבאָנעס, רעליגיעזע צביעות, ער רייסט אויף און ווייזט די אמתע ראָל פון קלער, פון דער צווייטער — איז עס אַ הימן פאַר די מענטשן פון פשוטער מי, פאַר די ערלעכע ים־האָרעפּאַשניקעס, וועלכע זיינען אומדערשראָקן, תמימותדיק און הילף־גרייט. דערביי איז הוגאָ אין דער שילדערונג פון דעם ים־האָרעפּאַשניק ווייט נישט אידעאַליזירנדיק. ער ווייזט אים אַלזייטיק, מיט אַלע זיינע מיאוסע שטריכן און שלעכטע טראַדיציעס, אָבער ער פאַרזעט נישט דאָס ערלעכע און מענטשלעכע, וואָס גלאַנצט אַרויס פון אונטער דער גראָבער הויט פון פאַרווילדונג און ליידנשאַפט.

פונקט ווי אין די פריערדיקע ראָמאַנען האָט אויך אין „די ים־אַרבעטער" וויקטאָר הוגאָ אַריינגעלייגט אַ שלל מיט שטודיר־אַרבעט און ער דערשיינט אויך דאָ ווי אַ גלענצנדיקער, טיפער אָבסערוואַטאָר פון לעבן. די שילדערונגען פון דעם ים, פון די צופלוסן און אָפּפלוסן, די בפרטיותדיקע באַהאַנדלונג פון דעם בוי פון אַ דאַמף־שיף, די סו־געסטיווע פּייזאַזשן פון די חצי פראַנצויזישע חצי ענגלישע, נאָרמאַני־

[16] „Le travailleurs de la mer".

א ייִדישע איבערזעצונג פון דעם ראָמאַן איז דערשינען אין ראָמאַנפאַרבאַנד אין 1940. דעם ראָמאַן האָט איבערגעזעצט ה. אָרלאַנד.

שע אינהזלען גערנסעי און דזשערסעי, די גרויסע און פארברייכע גאלעריע פון געשטאלטן, אנהייבנדיק פון ערלעכע ים-הארעפאשניקעס און ענדיקנדיק מיט דעם פארשטייער פון צביעותדיקן קלער און מיט פשוטע קאנטראבאנדיסטן, גנבים און ים-באנדיטן — דאס אלץ דערהייבט דעם ראמאן צו דער מדרגה פון אן עפאפייע פון דעם ים-לעבן, וועלכע שטייגט אן אן ערך איבער די נאטוראליסטישע שילדערונגען פון דעם ענגליזירטן פוילישן אריסטאקראט, דעם ים-באשרייבער דזשאזעף קאנראד (קאזשעניאווסקי). „די ים-ארבעטער“ רוקן זיך ארויס — אין זין פון קינסטלערישער שלימות — אין סאמע אויבנאן פון הוגאס ווערק. די דאזיקע קינסטלערישע פולקאמענקייט איז אן אויסדרוק פון דער אידעישער שלימות פונעם ווערק. הוגא האט זיך מיט דער פולער שארפקייט אפגערעכנט הן מיטן רויבערישן קאפיטאליסטישן סיסטעם, הן מיט דער רעליגיע און מיט אירע פארשטייער. עס איז דא שוין נישט פאראן דער ראמאנטישער מאטיוו פון מוחל זיין אלעמען, ווי, למשל, אין דעם „גיבור אין קייטן“. יא, אויך דער העלד פון „די ים-ארבעטער“, דער יונגער, שרעקלאזער און גוטער זשיליאט גיט פרייוויליק אוועק זיין פערזענלעכן גליק און קומט אום, אבער זיין קרבן און אומקום איז לאגיש א פארשטענדלעכער און באגרינדעטער. ער פאלט א קרבן פון דער ארומיקער פינצטערקייט, פון דער פאלשער דערציונג פון אזעלכע מיידלעך ווי דעריושעטע, פון דער פראזעאלאגיע פון דעם יונגן גלח. אבער אלץ, וואס וויקלט זיך ארום זשיליאטן, וואקסט ארויס פון הוגאס גרענעצלאזער שנאה צו אונטערדריקונג און צביעות און פון זיין ליידנשאפטלעכער ליבע צום פאלק, וואס ווערט פערזאניפיצירט אין זשיליאטן און אין דעם אלטן ים-וואלף לעטערי. אין מויל פון מעסיע לעטערי לייגט הוגא אריין די ווערטער, וואס דעמאסקירן דעם קלער און וועלכע דריקן אויס זיין, הוגאס, שטעלונג צו סאציאלער און נאציאנאלער אונטערדריקונג, צו קאפיטאליזם און רעאקציע. ווען עס געשעט די קאטאסטראפע מיט לעטערים שיף, „דוראנדא“, קומט דעם אלטן מאטראס טרייסטן דער גלח פון ישוב, דער דאקטאר עראד. זיינע טרייסט-ווערטער גייען גיך אריבער פון דער הימלישער ספערע אויף דער ערד. ער לייגט פאר דעם אלטן לעטערי א גאנץ ערדישע נחמה: „אויב ביים הער לעטערי איז נאך געבליבן געלט און ער וויל אנטיילנעמען אין דער דאזיקער אונטערנעמונג (א געשעפט פון מיליטערישע צושטעלונגען — ב. מ.), וואלט ער געקאנט פאריכטן זיין

לאַגע; ס׳האַנדלט זיך וועגן צושטעלן געווער דעם צאַר, וועלכער דער־שטיקט דעם אויפשטאַנד אין פּוילן. דאָ קאָן מען פאַרדינען צוויי הונ־דערט פּראָצענט״... „אַט צום ביישפּיל, ער אַליין, דער דאָקטאָר זשאַק־מען עראַד, האָט אַריינגעלייגט זיינע קאַפּיטאַלן אין (דעם דאָזיקן) ייער לוינעוודיקן געשעפט פון פּאַדריאַדן״.

„דאָס וואָרט „צאַר״ — שרייבט וויקטאָר הוגאָ — האָט געצוווּנ־גען לעטערין אויפצוואַכן. ער האָט איבערגעשלאָגן דעם דאָקטאָר עראַד.

— איך וויל נישט קיין קייסער.

עס העלפן נישט דעם גלחס אַרגומענטן, אַז „די קייסאָרים זיינען געגעבן געוואָרן פון גאָט״, אַז „אין די הייליקע ביכער שטייט גע־שריבן: גיט אָפּ דעם קייסער דאָס קייסערדיקע״.

נו, מילא — טראַכט דער גלח, — אויב נישט אַזאַ געשעפט, האָט ער פאַר לעטערין אַן אַנדער טרייסט: „אויב הער לעטערי פאַר־לאַנגט פאַרצענפאַכן דאָס איבערגעבליבענע פאַרמעגן זיינס, דאַרף ער קויפן אַקציעס פון דער גרויסער קאָמפּאַניע, וואָס עקספּלואַטירט טעקסאַס, ווו עס אַרבעטן אויף פּלאַנטאַציעס העכער צוואַנציק טויזנט נעגערס״.

— איך וויל נישט קיין שקלאַפן, — האָט אויף דעם געענטפערט לעטערי.

עס העלפט ווידער נישט דעם גלחס אַרגומענטאַציע, אַז „שקלאַ־פנטום איז אַ הייליקע איינשטעלונג״, אַז „אין די הייליקע ספרים ווערט געזאָגט: אויב דער באַלעבאָס האָט אַ קלאַפּ געטאָן זיין קנעכט, קומט אים נישט באַשטראָפן, ווייל דאָס איז זיין געלט״.

אָבער דער פאַרשטייער פון דער קירך רעזיגנירט נישט. ער לייגט פאַר לעטערין אָנצונעמען אַ מלוכה־פּאָסטן, אַ פּאָסטן פון אַ באַ־אַמטן פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט.

„לעטערי האָט אָנגעשטעלט די אויגן אויפן דאָקטאָר עראַד.

— איך האָב נישט ליב צו קוקן, ווי מע הענגט מענטשן, — האָט ער געזאָגט״.

„דער דעקאַן, וועלכער האָט ביז איצט גערעדט מיט אַן אַלציי־נער אינטאָנאַציע, איז געוואָרן שטרענגער, און זיין שטים האָבן זיך דערהערט נייע נאָטעס:

— הער לעטערי! טויט־שטראָף איז איינגעשטעלט פון גאָט. גאָט האָט אַריינגעלייגט די שווערד אין די הענט פונעם מענטשן, אין

די הייליקע ביכער ווערט געזאָגט: „אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן”...

דער קלער ווערט דורך הוגאָ פאַרגעשטעלט ווי דער באַשיצער פון די אונטערדריקונג-אינסטיטוציעס פון די סיסטעמען פון פעאָדאַליזם און קאַפּיטאַליזם. דער קלער פאַרטיידיקט די עקזיסטירנדיקע שלעכטע אָרדענונג, די צאַרישע דעספּאָטיע, די מאָנאַרכיע, דאָס אונטערדריקן פעלקער, וואָס קעמפן פאַר פרייהייט, די שקלאַפעריי, דעם ראַסיזם, די בורזשואַזע מאָרד-יוסטיץ, טויט-שטראָף. די שפּיצן פון קלער זיינען אַליין ענג צונויפגעבונדן מיט די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע קאָמפּאַניעס. אַפילו דער אויסערלעך באַשיידענער יונגער גלח עבענעזער איז אויך אַ יורש פון אַ ריזן-פאַרמעגן פון אַ קרוב, ער איז אויך צונויפגעוואַקסן מיט דער פינאַנס-אָליגאַרכיע. זיין שפּראַך איז מער פול מיט שיין-קלינגענדיקע מליצות, איידער ערנסט, אָבער ער נוצט אויך זיין צינגל אויף פאַנגען נאַיווע הערצער און זיי צושמידן צו רעליגיע, דאָס הייסט — צו דער אידעאָלאָגיע פון הערשנדיקן סיסטעם, און לטובת זיינע אייגענע פערזענלעכע אינטערעסן, זיין אייגענעם פערזענלעכן גליק. אויס מיט דער כלומרשטער רחמנות פון קריסטנטום, די רעליגיע און אירע טרעגער אין דער גאַנצער אָפּשטויסנדיקער נאַקעטקייט — אָט איז איינע פון די הויפּט אידעען פון די „ים-מענטשן”.

הוגאָ טרעט אַרויס אין דעם ראָמאַן קעגן דער פינצטערניש פון המון, וועלכע קומט ווי אַ רעזולטאַט פון דורותדיקע אָנוווקסן — פון דער אַכזריות פון הערשער, פון דער אינקוויזיציע, פון די שחיטות איבער די הוגענאָטן, פון ברענען מכשפים און מכשפות אויף שייטער-הויפנס. ער וויקלט פאַנאַנדער אַ בילד פון דעם קלערס געשיכטלעכע פאַרברעכנס, וואָס ווערן באַגאַנגען אין „זיין ליבן נאָמען”. „אין די צייטן פון מאַריאַ טודאָר האָט מען דאָרט פאַרברענט, צווישן אַנדערע הוגענאָטן, אַ מוטער מיט צוויי טעכטער... איינע פון אירע טעכטער איז געווען שוואַנגער. זי האָט געבוירן דאָס קינד אויפן ברענענדיקן שייטער. אין דער כראָניק איז פאַרשריבן: „איר בויך האָט געפּלאַצט”. פונעם בויך איז אַרויס אַ לעבעדיק קינד. דאָס ניי-געבוירענע קינד האָט זיך אַרויסגעקייקלט פונעם פלאַם, און איינער האָט עס אויפגעהויבן, נאָר דער ריכטער אליהו גאָסעלען, אַ גוטער קאַטויל, האָט באַפוילן אַריינצווואַרפן דאָס קינד צוריק אין פייער”.

אַ וויכטיק אָרט פֿאַרנעמט אינעם ראָמאַן די פֿראַגע פֿון דערציִונג, בעסער געזאָגט: די רעזולטאַטן פֿון די דערציונגס־מעטאָדן. צוויי וועגן ווייזט אונדז הוגאָ: די דערציונג פֿון דעריושעטען, די דערציונג, וואָס איז באַזירט אויף ווילטאָג און נישט אויף אַרבעט, דערפֿירט צו דעם, אַז דאָס מיידל איז גרויסהאַלטעוודיק, רייסט זיך אָפּ פֿון פֿאָלקישן שורש, פֿאַראַט איר שיכט, לאָזט זיך פֿאַנגען דורך אויסערלעכן שיינעם קלאַנג, הגם זי איז אין סאַמע תוך נישט קיין שלעכטער מענטש. דער צווייטער וועג איז די דערציונג פֿון זשיליאַטן. זיין מוטער איז אַ פּאָליטישע עמיגראַנטין פֿון פֿראַנקרייך, ווו עס בושעוועט די בורבאָנישע רעאַקציע, זי דערציט איר זון פֿאַר אַן ערלעכן אַרבעט־מענטש, פֿאַר אַן אמת־זאָגער, פֿאַר אַזאַ, וואָס איז גרייט יעדן אומגליקלעכן צו טראָגן הילף. אָבער דער סדר־העולם איז אַזאַ, אַז דעריושעטען וועט זיין גוט, ווייל איר גליק איז באַזירט אויף אומגליק פֿון אַ צווייטן, און דעם ערלעכן זשיליאַטן איז באַשטימט אַ לעבן פֿון פּיין און לסוף אומקום. דעם דאָזיקן פּראָבלעם פֿירט הוגאָ אַרויס נישט אַבסטראַקט, נאָר, ווי תמיד, ענג פֿאַרקניפּט מיט די קאָנקרעטע פּאָליטישע געשעענישן פֿון זיין צייט. עס קלינגט אָפּ אינעם ראָמאַן מיט אַ שטאַרקן ווידערקול די טראַגעדיע פֿון פּאָליטישע עמיגראַנטן, פֿון אַרויסגעשליידערטע דורכן ווולקאַן פֿון רעאַקציע און פֿון עקאָנאָמישער אויסראָטונג. „גאַנצע פֿאַמיליעס טרעפֿן אַן ווייט אין דער פֿרעמד; מענטשן פֿאַרלאָזן דעם באָדן; געמיינדעס ווערן צעזייט און צעשפּרייט און דרויבלען זיך; מענטשן פֿאַלן אַראָפּ, ווי פֿון וואָלקנס... די אָרטיקע איינוווינער קוקן און חידושן זיך: פֿונוואַנען האָבן זיך גענומען די דאָזיקע אומבאַקאַנטע?” צום ערשטן מאָל פֿירט הוגאָ אַרויס אין די „ים־אַרבעטער” די דאָזיקע טרויעריקע דערשיינונג פֿון קאַפּיטאַליזם — דאָס פֿאַרלאָזן דורך דירעקטן אָדער אומדירעקטן צוואַנג דאָס היימלאַנד דורך טויזנטער מענטשן. הוגאָ האַלט, אַז בלייבן אין היימלאַנד איז דאָס סאַמע נאַטירלעכסטע פֿאַר יעדן מענטש. איז אויב עמעצער מוז עמיגרירן, איז עס נישט קיין ברכה, נאָר אַ קללה. דאָס גאַנצע אומגליק פֿון זשיליאַטס מוטער נעמט זיך דערפֿון, וואָס זי איז אַ פֿרעמד געוויקס אין אַ נייעם אומבאַקאַנטן באָדן. און דאָס איז אַ קללה פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. הוגאָ שטעלט אַקעגן דער געצוווּנגענער עמיגראַציע פֿון פֿאָלקסמאַסן אַן אַנדער מין עמיגראַציע, אַ פּליטה־עמיגראַציע, פֿון כלערלייַ שאַרלאַטאַנען, בייזוויליקע באַנקראָטשיקעס און שווינדלער, וועלכע

זײַנען אַ דאַנק דער קאָנטררעוואָלוציע אַרויסגעשווומען אויפֿן אויבערפֿלאַך. קאָנטררעוואָלוציע פּאָרט זיך מיט פֿאַרברעכערישקייט, ריזיקע אַפֿערעס, געלטגיריקן אַוואַנטוריזם. מיט אַ געוואַלדיקער סוגעסטיווער קראַפֿט, וועלכע איז דיקטירט דורך דער טיפֿער שׂנאה און פֿאַראַכטונג, וואָס דער שרײַבער־הומאַניסט פֿילט צו אָט דעם פֿינאַנס־אָליגאַרכישן שוים פֿון דער געזעלשאַפֿט, שילדערט ער די צרות, וועלכע אָט די עמיגראַנטן מיט די אָנגעפּראָפּטע גזלה־טיימטערס ברענגען דער מענטשהייט, די פֿעלקער פֿון דער וועלט.

ווי געזאָגט, איז אין „די ים־אַרבעטער“ הוגאָס שרײַבערישער טאַלאַנט אַרויסגעטראָטן מיטן פֿולן גלאַנץ. סײַ אין אָט דעם ראָמאַן, כיי אין די פֿריער־באַהאַנדלטע ווערק, דערשײַנט פֿאַר אונדז הוגאָ ווי דער גרויסער מײַסטער פֿון שילדערונג, פֿון שניצן געשטאַלטן, פֿון פֿאַרטיפֿן זיך אין זייער כאַראַקטער, פֿון שפּראַך און אינערלעכער אַרכיטעקטאָניק פֿונעם ווערק. הוגאָ, וועלכער האָט אַרײַנגעבראַכט אַ נײַעם אינהאַלט אין דער ליטעראַטור, דאָס לעבן און די סאָציאַלע פּראָבלעמען פֿון זײַן צײַט, האָט במילא באַנוצט אַ צוגענגלעכע שפּראַך, די שפּראַך פֿון פֿאָלק. ער האָט שטאַרק אַנטוויקלט דאָס עצם ראָמאַנישע. די אַנטוויקלונג פֿון די געשעענישן אין זײַנע ראָמאַנען שטײַגט, גייט דינאַמיש פֿאָרויס, און איז געקניפּט און געבונדן מיט די פּאָליטישע געשעענישן פֿון דער געשילדערטער צײַט. בײַ הוגאָ זײַנען נישט פֿאַראַן קיין סתּם געשטאַלטן — איטלעכעס געשטאַלט באַצוועקט עפּעס, דריקט אויס אַ שיכט, טראָגט מיט זיך אַ געדאַנק, ווײַזט אַ נעגאַטיווע דערשײַנונג אָדער אַ קערנדל פֿון דער צוקונפֿט. הוגאָן געלינגען אויסערגעוויינלעך גוט די פּאָזיטיווע געשטאַלטן — אַ געוואַלדיקע מעלה פֿאַר אַ שרײַבער. נישטאָ קיין סתּם שילדערונג בײַ הוגאָ, יעדער געמעל איז לאָגיש און קאָנסעקווענט אײַנמאָנטירט אין דער גאַנצקייט, דינט ווי אַ פֿאָן, אויף וועלכער עס דאַרפֿן ווערן פֿאַנאַנדערגעוויקלט געזעלשאַפֿטלעכע דערשײַנונגען, ווי אַ שפּרונגברעט צו דער ווײַטערדיקער אַקציע. הוגאָס שאַפֿונג איז אַן אַבסאָלוטע פֿאַרלײַקענונג פֿון קונסט לשם קונסט. אַרויסצוברענגען זײַנע געדאַנקען דינט אים דער טיפֿער אַנאַליז פֿון דער פּסיכאָ־אי־עישער סטרוקטור פֿון זײַנע געשטאַלטן; עס דינט אים אויך דער מײַסטערישער דיאַלאָג, וועלכער איז אַזוי קלאָר און אײַנצײַטיק דראַמאַטיש, אַז ער באַגינסטיקט דאָס איבעראַרבעטן הוגאָס ווערק פֿאַר דער בינע — פֿאַר אָט דעם דירעקטן קאָנטאַקט פֿון לעבעדיקן וואָרט צום

עולם. דער שטארק פארטראטענער אויסער־בעלעטריסטישער עלעמענט, די געשיכטלעכע, סאטירישע דיגרעסיעס, שטערן נישט אבסאלוט דעם מחבר צו דערהייבן זיינע ווערק קינסטלעריש. יעדע שאפונג פון דעם שרייבער איז א מייסטערווערק, א געשעעניש אין דער ליטעראטור און אין געזעלשאפטלעכן לעבן.

X

דער טריבון

די אידעען־אנגעלאדענע ליטערארישע שאפונג פון וויקטאר הוגא איז געגאנגען געפארט מיט זיין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט, מיט זיין פובליציסטישן רעאגירן אויף די פאליטישע געשעענישן פון זיין צייט, מיט זיינע ארויסטרעטונגען קעגן די שרייענדיקע עוולות פון דער פארשאלטענער אחדענונג ווי א טריבון.

עס איז כמעט נישט געווען קיין וויכטיקער אקט פון טעראר מצד דער בורזשואזיע, אז הוגא זאל נישט ארויסטרעטן מיט זיין פלאמיקן „איך באשולדיק”.

מיר האבן שוין געזען, ווי אזוי הוגא האט אין סוף פון די צוואנציקער יארן רעאגירט אויף די שחיטות פון דעם סולטאנס יאנטשארן איבער דעם פרייהייט־ליבנדיקן גריכישן פאלק. ער האט, א טיף אויפגעשוידערטער, רעאגירט מיט זיינע לידער אין זאמל־בוך „אריענטאלישע מאטיוון”. מיר האבן געזען, ווי ער האט רעאגירט אויף דער ראסיסטישער פארקנעכטונג און אויפן פרייהייטס־קאמף פון די נעגערישע שקלאפן. מיט א ווארט און טאט האט ער פראטעסטירט קעגן דער אונטערדריקונג פון פוילישן פאלק, רופנדיק צו סאלידאריטעט מיט די פוילישע אויפשטאנדן.

אין קאמף קעגן דעם טעראר און די יוסטיץ־מארדן פון דער בורבאנישער רעאקציע, האט הוגא ארויסגעלאזט דאס ווערק „דער לעצטער טאג פון א פאראורטיילטן” (1834).[יז] הוגא ווייזט דא אן, פונקט

[17] „Le dernier Jour d'un Condamn'e."

פאראן א יידישע איבערזעצונג פון א. ביילין, ארויס אין לאנדאן אין יאר 1910, אין פארלאג „פראגרעס”.

ווי אין דעם „גיבור אין קייטן”, אויף דער גרונט-סיבה פון קרימינעלן פאַרברעכן. הוגאָ איז ווייט נישט קיין אָנהענגער פון לאָמבראָזאָ, פון דער בורזשואַזער קרימינאַליסטיק-טעאָריע, וועלכע האַלט, אַז פאַר־ברעכערישקייט איז אַ ביאָלאָגישע, אַטאַוויסטישע הערשיינונג און נישט קיין פּראָדוקט פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. פאַרן געוועזענעם קאַטאָרזשניק איז פאַרמאַכט טיר און טויער, קיין וועג פון איבערדערציונג איז נישטאָ. ער ווערט דורך דער אומגערעכ־טער סאָציאַלער אָרדענונג געשטויסן צו נייע פאַרברעכנס, ווייל ער מוז ווי עס איז עקזיסטירן. דאָס בוך איז בפירוש געווענדט קעגן דער קעניגלעכער דעספּאָטיע, קעגן די פעאָדאַל-בורזשואַזע מאַ"דן. שפּע־טער וועט הוגאָ נישט איין מאָל אַרויסטרעטן קעגן טויט-שטראָף — אין יאָר 1859 טרעט ער אַרויס מיט אַ שאַרפן פּראָטעכט קעגן פאַרמשפּטן צום טויט דורך דער אַמעריקאַנישער קלאַסן-יוסטיץ דעם רעוואָלוציאָנערן פירער דזשאָן בראַון; ער האָט איינער פון די ערשטע שרייבער זיך דערקענט אויף דעם אמתן קלאַסן-כאַראַקטער פון דער רעקלאַמירטער אַמעריקאַנער „דעמאָקראַטיע”; ער טרעט אַרויס אין שוץ פון צום טויט-פאַרמשפּטע פּשוטע מענטשן אין ענגלאַנד; ער באַ־צאָלט דערפאַר מיט דעם, וואָס ער ווערט אויסגעשטעלט אויף רדיפות און וואָגלענישן; אין יאָר 1871 קעמפט ער מוטיק קעגן דעם טויט-טעראָר לגבי די העלדן פון דער פּאַריזער קאָמונע און ווערט דערפאַר פאַרטריבן פון בעלגיע, וווּ ער האָט אַ צייט געפונען אַן אזיל.

הוגאָ איז אַרויסגעטראָטן מיט סאָלידאַריטעט-קאַמף לטובת די שטרייקנדיקע אין ליאָן. ער האָט אָפּגעדרוקט אַ שטאַרקן אַפּעל, ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט בלויז אויף די עקאָנאָמישע פאָדערונגען פון די שטרייקנדיקע. ער האָט זייער זאַך פאַרבונדן מיט דער אַלגע־מיינער שטרעבונג פון די פעלקער צו שלום און פרייהייט. ער האָט געשריבן:

„די אַרבעטער פון ליאָן זיינען אין נויט, די אַרבעטער פון פּאַריז קומען זיי צו הילף. אַרבעטער פון פּאַריז, איר דערפילט אייער חוב, און אַזוי דאַרף עס טאַקע זיין. איר גיט אַן איידעלן ביישפּיל. די ציוויליזאַציע איז אייך דאַנקבאַר.

מיר לעבן אין אַ צייט, ווען מיר דאַרפן באַווייזן אויסערגע־וויינטלעכע ברידערלעכע מעשים, ערשטנס, ווייל ס'איז תמיד גוט צו טאָן גוטס, צווייטנס, ווייל דער פאַרגאַנגענהייט גלוסט זיך נישט צו פאַרשווינדן, ווייל די פאַרגאַנגענהייט פּרוּווט צו דערוועקן שנאה.

קעגן דער צוקונפט, וועלכע ברענגט צו פעלקער־פאראייניקונג און צוזאמענארבעט.

לאמיר ענטפערן דער שנאה מיט סאלידאריטעט און מיט אייניקייט.

...אין דער דאזיקער שעה געפינט זיך די וועלט אינעם געראנגל צווישן צוויי קעגנזײַטיקע כוחות.

איין איינציק ווארט איז גענוג צו כאראקטעריזירן די דאזיקע מערקווירדיקע שעה. צו וואס שטרעבן די קעניגן? צו מלחמה. צו וואס שטרעבן די פעלקער? צו שלום.

די רו פון די פעלקער איז א שטער און א סתירה צו דער פיבערדיקער טעטיקייט פון די רעגירונגען. די פרינצן באוואפענען זיך, די פעלקער ארבעטן. די פעלקער האבן זיך קעגנזייטיק ליב און פאראייניקן זיך. די קעניגן גרייטן צו גרויזאמע געשעענישן. די פעלקער שטעלן זיי אנטקעגן די פראכט פון פרידלעכער שאפונג.

די פעלקער פארשטייען זיך, פאראייניקן זיך, העלפן זיך".

נאך דעם, ווי ער גיט א שילדערונג פון די פיבערדיקע מלחמה־צוגרייטונגען פון די רעגירונגען, רופט הוגא אויס:

„עס דאכט זיך, אז אין דער רגע ווערט צוגעגרייט א מערקווירדיקער קאמף צווישן מלחמה, וואס איז דער ווילן פון דער פארגאנגענהייט, און דעם שלום, וועלכער איז דער ווילן פון דער קעגנווארט.

בירגער, דער שלום וועט זיגן!

שלום איז דער נאמען פון דער צוקונפט... איז דער נאמען פון צוואנציקסטן יארהונדערט. לאמיר זיך נישט וואקלען, מיר, פילאזאפן, צו דערקלערן פרידן דער וועלט".

הוגא פארבינדט די פראגע פון שלום מיט אומברענגען די שלעכטע ארדענונג און מיט אויסבויען א נייע, א יושרדיקע, אין וועלכער עס וועט זיין „ארבעט אן עקספלואטאציע, ווילטאג אנשטאט דחקות, פרייהייט אנשטאט קייטן, נאציאנאליטעטן אן שנאה, ארביטראזש אנשטאט מלחמה; מיט איין ווארט: אלע אנטוואפענונגען, א חוץ דער אנטוואפענונג פון געוויסן", ווארעם: „ווי לאנג עס וועלן נאך זיין דערנידעריקטע, עקספלואטירטע, אונטערדריקטע, גערעכטע וואס בלוטיקן, אומבאהאלפענע, וואס וויינען, דארף דאס געוויסן, בירגער, בלייבן באוואפנט". דאס באוואפנטע געוויסן — זאגט הוגא, — הייסט דאס ליכט, וואס פארטרייבט די פינצטערקייט פון מוחות, הייסט — דער פלאם פון קאיאר, וואס פארטרייבט דעם פלאם פון

אינקוויזיציע־שיימער. „יאָ, דאָס געווויסן בלייבט און וועט בלייבן באַוואָפנט".

דער קאַמף פאַרן שלום איז געווען ביי הוגאָ אַן עיקר־זאַך פון זיין געוויסן און פון זיין טעטיקייט. אין יאָר 1849 איז ער פאָרזיצער פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון די פריינד פון שלום אין פאַריז. ער זאָגט דעמאָלט אויפן שלום־קאָנגרעס: „די אידעע פון שלום אויף דער גאַנצער וועלט איז אַ זאַך פאַר אַלע פעלקער; זיי פאַרלאַנגען דעם שלום ווי דאָס העכסטע גליק... איך וויל נישט בלויז אייך דערקלערן, אַז מע קאָן דעראַבערן דעם שלום אין גאַר דער וועלט, נאָר איך זאָג אייך, אַז ער איז אומפאַרמיידלעך". — מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין יאָר 1869, שטייט ער ווידער אין שפּיץ פון דער שלום־באַוועגונג.

דער קאַמף פאַר שלום איז ביי אים געווען, ווי מיר האָבן געזען, ענג פאַרבונדן מיטן קאַמף קעגן דער אומיושרדיקער אָרדענונג. ער איז געווען פאַרבונדן אויך מיט הוגאָס קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם. ער האָט באַקעמפט — אין זיינע קינסטלערישע ווערק און פובליציסטישע אַרויסטריטן — נישט בלויז דעם בריטישן רויבערישן אימפּעריאַליזם. ער האָט אויך אָפן און מוטיק אַטאַקירט דעם פראַנצויזישן, דעם היימישן גזלנישן אימפּעריאַליזם. ער האָט אויסגעדריקט סאָלידאַריטעט די פריהייט־קעמפער פון אַלזשיר קעגן פראַנקרייך. ער האָט אין 1861 געבראַכט צום אויסדרוק זיין פלאַמיקן פּראָטעסט קעגן די פלענער פון דעם בשותפותדיקן ענגליש־פראַנצויזישן אָנפאַל אויף כינע. ער האָט די גאַנצע עקספּעדיציע אָנגערופן פּראָסט און פּשוט — גנבה און גזלה, און די ענגליש־פראַנצויזישע הערשער — באַנדיטן. ער האָט מיט געוואַלדיקן אויפברויז דעמאַסקירט די „טובות", וואָס די בורזשואַזע איירעפּעאישע ציוויליזאַציע ברענגט דעם כינעזישן פאָלק.

הוגאָ האָט מיט זיינע לידער געהאָלפן צוגרייטן דעם באָדן צום אויפשטאַנד פון פאָלק אין יאָר 1871. אין דער לידער־זאַמלונג „נקמה" (1853) האָט ער גערופן (מיר גיבן עס איבער אין פּראָזע־ווערטער):

וועקט זיך אויף! גענוג שאַנד! פילט אויס מיט פאַראַכטונג דעם שונאס פּיסק! זאָל זיך דער ים אַ הייב טאָן מיט ברויזנדיקע כוואַליעס. בירגער! גענוג געשלאָפן! טוט אָן אייערע בלוזעס. קינדער, דערמאָנט דאָס דריי־און־ניינציקסטע יאָר. צעטראָגט דאָס ליכט אין אַלע עקן! שווין־זשע איז אומגעגלעך אָפּצושליידערן די קייטן? אָדער צי איז

אייך אייער נישטיקער שונא אזוי שרעקלעך? זיינען דאך קעגן טי־טאַנען געגאַנגען די פּאַטערס!

הוגאָ דערמאַנט אין זיין ליד דעם פראַנצויזישן פאָלק די רע־וואָלוציאַנערע טראַדיציע פון יאָר טויזנט־זיבנהונדערט־דריי־און־ניינציק, פון יאָר פון העלדישן קאַמף קעגן דעם אַלטן רעזשים. זיין וואָרט קלינגט ווי אַ נייע מאַרסיליעזע און טרעפט צו די הערצער פון פּאַריזער פאָלק.

מיט עכטן פּאַטריאָטיזם ברויזט אויף הוגאָ, ווען ביסמאַרקס הילות שפּאַרן אָן אויפן רעוואָלוציאָנערן פּאַריז אין יאָר 1870. ער שיקט אַ פרישן רוף צום פּאַריזער פאָלק. ער רופט אויס: „פראַנצויזן! די פרייסן ציילן אַכט־הונדערט־טויזנט — איר זענט פערציק מיליאָן. שטייט אויף! אָן שום אָפּרו, אָן שום אָטעם־פּויזע, אָן שום שלאָף... אָרגאַניזירט אַ שרעקלעכן שלאַכט פאַרן פאָטערלאַנד. פוסגייער, אַטאַקירט, רייסט זיך אַדורך דורך וועלדער, רייסט זיך אַדורך דורך טייכן, נוצט אויס די פינצטע־רע נעכט, פאַרפעסטיקט זיך אין תהומים, שלייכט זיך, פּויזעט, בייסט זיך איין, שיסט, פאַרטיליקט די איינדרינגער!".

ווען עס קומט אויף די פּאַריזער קאָמונע אין מערץ 1871, שטעלט זיך הוגאָ אין איר שוץ. הגם ער פאַרשטייט נישט פולשטענדיק איר תוך. איר היסטאָרישן זין, פילט ער אָבער איר געוואַלדיק־באַפרייע־רישן באַטייט. ער טרעט אַרויס מיט זיין פולער קראַפט אין פאַרטיי־דיקונג פון די קאָמונאַרן, וועלכע ווערן אַכזריותדיק אויסגעראָטן דורך די ווערסאַלער בורזשואַזע נקמה־נעמער. ער קעמפט אין בעל־גיע פאַר אַזיל־רעכט פאַר די קאָמונאַרן. ער ווערט באַגייסטערט אויפן קלאַנג פון יאַראָסלאַוו דאָמבראָווסקיס נאָמען. ער נעמט צו זיך אַלס סעקרעטאַר איינעם פון די יינגסטע קאָמונע־קעמפער, דעם פּאַ־ריזער ייד וויקטאָר ליבערמאַן,* וועלכער האָט צו 16 יאָר אָנטיילגע־נומען אין די פרייהייט־קאַמפן פון דער קאָמונאַרער אַרמיי

ער פאַרטיידיקט נישט נאָר פראַנצויזישע פרייהייט־קעמפער און רייסט זיי אַרויס ממש פון אונטער דער תליה. ער הייבט אויף זיין שטים אויך אין שוץ פון רוסישע רעוואָלוציאָנערן, פאַרמשפטע דורכן צאַריזם צום טויט, ווי למשל, אין שוץ פון דער יידיש־רוסישער מיט־

* שייקאָווסקי: „יידן אין דער פּאַריזער קאָמונע". אין באַנד, יידן אין פראַנקרייך", ז. 140.

גלידערין פון „נאראדנאיא וואליא" העסיע העלפמאן, וועלכע איז פאראורטיילט געווארן צום טויט דורכן צארישן געריכט און אין תפיסה האט זי געבוירן א קינד.[18]

ביזן סוף פון זיין לעבן איז הוגא שטענדיק גרייט געווען צו העלפן גערודפטע פון ראסיזם און קאפיטאליזם. און עס איז אבסאלוט פארשטענדלעך, וואס — ווען עס איז געקומען די פינצטערע צייט פון פאגראמען אויף יידן — האט זיך דער גרייז־גראער, אכציק־יעריקער וויקטאר הוגא געשטעלט מיט א וווּנדערלעכן יוגנטלעכן ברען צום קאמף אין שוץ פון די טאפלט געשלאגענע יידישע פאלקס־מאסן. די דאזיקע שטעלונג זיינע איז געווען א קלארע קאנסעקווענץ פון זיין גאנצער אקטיוו־הומאניסטישער פאזיציע סיי אין זיינע קינסטלערישע ווערק, סיי אין זיינע פובליציסטיש־פאליטישע ארויסטריטן.

XI

אין שוץ פון די יידן

אין דעם פארווארט צו דער יידישער איבערזעצונג „די לעצטע טעג פון א פאראורטיילטן", וואס איז ארויס אין לאנדאן אין יאר 1910, שרייבן די ארויסגעבער צווישן אנדערן אט וואס:

„פאר אונדז האט נאך הוגא א גרעסערע באדייטונג. ערשטנס איז ער דער גרויסער פרייהייט־העלד און דער נביא פון געדאנק פון הומאניטעט. און צווייטנס איז ער דער גרעסטער פריינד פון יידישן פאלק אין זיין צייט... ער איז געווען נישט אליין (נישט בלויז — ב. מ.) דער גרעסטער משורר פון זיין דור, זאנדערן (נאר — ב. מ.) דער גרעסטער מענטש און דער גרעסטער פריינד פון אלע אונטערדריקטע און פארפאלגטע, און ספעציעל א גרויסער פריינד פון יידן".

א פריינד דערקענט מען אין אן עת־צרה. הוגאס הילף פאר די גערודפטע יידן איז צום בולטסטן געקומען צום אויסדרוק אין יאר 1882, ווען עס איז ארויסגערופן געווארן דורך די הערשנדיקע ספערן

[18] זי איז געשטארבן אין טורמע אין יאר 1882, נאך דעם ווי די הענקער האבן ביי איר צוגערויבט דאס געבוירענע קינד.

אין מזרח־אייראָפּע אַ כוואַליע פֿון פּאָגראָמען און אַנדערע רדיפֿות אויף ייִדן.

די אַכציקער יאָרן, בפֿרט אין מזרח־אייראָפּע, הייבן זיך אָן מיט אַ שטייגנדיקער כוואַליע פֿון רעוואָלוציאָנערער ברוימונג. נאָך דעם פֿאַלן פֿון דער פּאַריזער קאָמונע רוקט זיך דער צענטער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אַלץ מער אויף מזרח. כדי צו טאָרפּעדירן די דאָזיקע באַוועגונג, שלעפּן ארויס די הערשער פֿון רוסלאַנד, פֿון עסטרייך־אונגאַרן און פֿון דייטשלאַנד פֿונעם אַרסענאַל דאָס אַלט־באַוווסטע געווער: דאָס אָנרייצן די אומצופֿרידענע מאַסן אויף די ייִדן, מיטן צוועק אויסצולענקען די באַוועגונג פֿון אירע ריכטיקע קלאַסן־רעלסן און וואַרפֿן זי אין אַ פֿאַרפֿירעריש ווינקל, קעגן דעם „זשיד”, דעם „יודע”, וואָס האָט „געקרייציקט קריסטוסן”.

אין אונגאַרן ווערט דורך די אַגענטן פֿון קייזערלעך־קעניגלעכן רעזשים אָנגעווענדט דער מיטלאַלטערלעכער בלוט־בילבול. אין צאַרישן רוסלאַנד הייבן אָן די אַגענטן פֿון דער רעגירונג צו העצן די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע עלעמענטן צו פּאָגראָמירן די ייִדישע באַפֿעלקערונג. אַ שאַרפֿע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע ווערט געטריבן דורך די „אידעאָלאָגן” פֿון הערשנדיקן רעזשים אין דייטשלאַנד. די הערשנדיקע ספֿערן פֿון פֿראַנקרייך פּרוּוון דערנאָך אויך אויס דאָס דאָזיק מיטל.

די טרויעריקסטע און געפֿערלעכסטע לאַגע שאַפֿט זיך פֿאַר די ייִדן אין צאַרישן רוסלאַנד. אַ כוואַליע פֿון פּאָגראָמען הייבט זיך אָן אין אַפּריל 1881 און ציט זיך אין משך פֿון קנאַפּע צוויי יאָר. צאַרישע אַגענטן אָרגאַניזירן שוואַרץ־מאַהדיקע פּאָגראָם־באַנדעס און שלאָגן, שענדן, באַרויבן ייִדן און צינדן אונטער זייערע הייזער אין יעליסאַוועטגראַד, קיעוו, סמיעלאַ, קאָנאָטאָפּ, אָדעס, פּערעיעסלאַוו, ניעזשין, וואַרשע און צענדליקער אַנדערע שטעט און שטעטלעך. ייִדן הייבן אָן לויפֿן פֿון זייערע ערטער.

קעגן די פּאָגראָמען טרעטן אַרויס די בעסטע זין פֿון רוסישן פֿאָלק. עס איז נאָך נישט די צייט פֿון אַן אָרגאַניזירטער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. די סאָוויעטישע היסטאָריאָגראַפֿיע שטרייכט אונטער, אַז דאָס, וואָס עס איז אין די אַכציקער יאָרן נישט געווען קיין רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג, איז געווען אַן ערנסטער שטער אין דעם קאַמף פֿון דעם רוסישן פּראָגרעסיוון לאַגער קעגן די פּאָגראָמען. ערשט דאָס אויפֿקומען פֿון מאַרקסיזם אין פֿון אַן

אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד האָט דערמעגלעכט אַ מעכטיקן קאַמף קעגן דעם האַזיקן דיווערסיע־מיטל פון צאַריזם, אין שוץ פון די גערודפטע יידישע מאַסן, אין קאַמף קעגן די קעגנזייטיקע שחיטות פון אַרמענער און טאַטאַרן אין קאַווקאַז.

אין שוץ פון די יידן זיינען אַרויסגעטראָטן אַזעלכע גייסטיקע ריזן פון רוסישן פאָלק ווי לעוו טאָלסטאָי, קאָראָלענקאָ און אַנדערע. אין שוץ פון די יידן זיינען אַרויסגעטראָטן אַלע פּראָגרעסיווע כוחות, אין שוץ פון די פּאָגראָמירטע יידן איז אין מערב־אייראָפּע אַרויסגעטראָטן דער אַכציק־יעריקער וויקטאָר הוגאָ, וועלכער האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ פון דער פּראָטעסט־ און הילף־באַוועגונג. הוגאָס קאַמף אין שוץ פון די פּאָגראָם־קרבנות איז איינצייטיק געווען אַ קאַמף קעגן דעם „זשאַנדאַר פון אייראָפּע" דעם צאַריזם, קעגן דער צאַרישער „תפיסה פון פעלקער". אין דער זעלביקער צייט איז דאָס געווען אַ קאַמף קעגן דער „אייגענער" בורזשואַזער פראַנצויזישער רעגירונג, וועלכע איז געווען אַ פאַרבינדעטע פון צאַרישן רוסלאַנד און האָט געשטיצט דעם צאַרישן רעזשים מיט הלוואות און אין דער דיפּלאָמאַטיע.

אָנהייב 1882 יאָר אָרגאַניזירט וויקטאָר הוגאָ אַ ספּעציעלן קאָמיטעט צום שוץ פון די געליטענע יידן און צום קאַמף קעגן די פּאָגראָמען. ער ציט צו אַ סך פּראָגרעסיווע טוער, שרייבער, געלערנטע פון פראַנקרייך. ער שטעלט זיך אין שפּיץ פון קאָמיטעט. דעם 31 מאַי 1882 לאָזט ער אויס אַ רוף צו אַלע ערלעכע מענטשן אין פראַנקרייך; אינעם רוף שרייבט ער צוו. אַנד. אַט וואָס:

„צו אונדזערע מיטבירגער!

„יעדער טאָג ברענגט אונדז באַריכטן פון רוסלאַנד וועגן נייע גרויזאַמקייטן, וואָס ווערן דורכגעפירט איבער דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס זיינען שוין נישט מער קיין סצענעס פון רייבונגען ווי אין די פריערדיקע יאָרן. טויזנטער שוצלאָזע יידן ווערן אַכזריות־דיק געפייניקט און אַרויסגעטריבן, די הייזער ווערן אויסגערויבט און אונטערגעצונדן, די פרויען ווערן געשענדעט. קעגן אַזעלכע גרויל־מעשים, וועלכע זיינען אַ שאַנד פון דער ציוויליזאַציע, הייבט אויף דאָס עפנטלעכע געוויסן אַ שאַרפן פּראָטעסט. אומעטום האָבן זיך אויפגעוועקט סימפּאַטיעס לטובת די קרבנות. מיט געפיל פון מענטשלעכקייט מוז מען קעגנווירקן אַזאַ גרויסן אומגליק און העלפן די צאָלרייכע אומגליקלעכע... מיר רעכענען אויף דער גרויסהאַרצי־

קיים פון פראנצויזישן פאָלק, וואָס ווייסט צו העלפן אין אַלע באַ־דינגונגען די אַלע, וואָס לײדן, אָן אונטערשייד פון פאָטערלאַנד און גלויבן".

דעם רוף, וואָס זיין ערשטע אונטערשריפט געהערט צו וויקטאָר הוגאָ, האָבן אונטערגעחתמעט 114 פראָגרעסיווע שרייבער און טוער פון פראַנקרייך, צווישן זיי אויך 33 יידן.[19]

הוגאָ האָט פארשטאַנען, אַז די שווידערלעכע דערשיינונג פון אַנטייידישע פאָגראָמען איז נישט קיין אָפּגעזונדערטער געזעלשאַפט־לעכער ענין, אַז זי איז ענג פאַרבונדן מיט די פראַגן פון רעאַקציע און פראָגרעס. אין אַ צווייטן אַרויסטריט אַרום דער פאָגראָמען־פראַגע, אין אַ רעדע געווידמעט דעם ענין, אַנטוויקלט ער זיין קוק אויף דער זאַך — טאַקע פון שטאַנדפונקט פון דעם היסטאָרישן געראַנגל צווישן פראָגרעס און רעאַקציע. לאָמיר אויך אָט דעם מערקווירדיקן אַרויס־טריט פון וויקטאָר הוגאָ ציטירן (מיט עטלעכע קליינע נישט וועזנט־לעכע קיצורים):

„עס דאַכט זיך, אַז עפּעס אַ קורטינע רייסט זיך אויף, און עס לאָזט זיך הערן אַ שטים, וועלכע זאָגט:

מענטשהייט, קוק!

צוויי וועגן פאַר די אויגן.

אויף איין וועג רוקט זיך אַ מענטש פאָרויס, מיט אַ פאַרבלענדן און זיכערן טריט צום האָריזאָנט, וואָס לייכט און שיינט אַלץ מער. דער מענטש שפּאַנט, און זיין קאָפּ איז פול מיט ליכט. אַ קינד שפּאַנט, און זיין קאָפּ איז פול מיט האָפענונג. אַרבעט טוט איר גרויסע זאַך... דער מענטש מאַכט פול די ערד מיט פרייהייט, גלייכהייט און ברידער־לעכקייט... אַלע פעלקער זיינען ברידער. גרענעצן ווערן פאַרניכטעט".

דאָס איז דער וועג פון פראָגרעס. דער וועג — זאָגט הוגאָ — פון אמת, געווויסן און ליבע. דער וועג פון די העכסטע דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט. דער וועג, וועלכער פירט צו דער אָפּשאַפונג פון מלחמות. „יעדער קלאַפּ פון מענטשלעכן האַרץ איז פראָגרעס".

ווי־זשע זעט אויס דער צווייטער וועג, דער פאַרקערטער?

„אויפן צווייטן וועג גייט דעם מענטש צוריק. דער האָריזאָנט ווערט שוואַרץ, די המונים גייען טאַפּנדיק אין דער פינצטער. עס לאַסטן אויף זיי די אַלטע באַגריפן פון צוויי טויזנט יאָר, מיט זייערע

---

[19] זע „Allgemeine Zeitung" des Judentums". פון 13 יוני 1882, אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט.

מעשות און שווינדל פון פאַרכישופן דעם מענטש־קינד, מיט דער פאַראַכטונג צום דערוואַקסענעם מענטש.

...ביי דעם פאַרגלויבטן עקשן, ביי וועלכן עס זיינען בלינד די אויגן און פאַרשטאָפּט די אויערן, איז נישט געבליבן קיין אַנדערער באַדן, אַ חוץ דעם אומגליקלעכן.[20] Credo quia absurdum

...דאָס, וואָס קומט פאָר אין רוסלאַנד, שרעקט אויף. דאָרטן ווערט דורכגעפירט אַ שווידערלעך פאַרברעכן, אָדער, בעסער געזאָגט, אַ זאַך, ווי די פאַרברעכערישע עלעמענטן וואָלטן פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין פון פאַרברעכן; זיי געפינען זיך נישט מער אויף קיין מדרגה; זייער רעליגיע האָט זיי אַריינגעשליידערט אין תהום פון חיהשקייט; זיי פאַרמאָגן אַן אויפּשווידערנדיקן אומשולד פון טיגערס. די פאַרגאַנגענע דורות, איינער מיט די אַלביגעזן, דער צווייטער מיט זיין אינקוויזיציע, דער דריטער מיט זיין הייליקער נקמה, דער פערטער מיט זיין בארטאָלאָמיי־נאַכט, דער פינפטער מיט די דראַגאָנאַדן, דער זעקסטער מיט עסטרייך פון מאַריאַ־טערעזאַ,[21] האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ניינצנטן יאָרהונדערט און שטיקן אים. דאָס מאָרדן מענער, שענדן פרויען, פאַרברענען אַ קינד — אָט איז די דערשטיקטע צוקונפט. דאָס אַוועקגעגאַנגענע וויל נישט אויפהערן צו עקזיסטירן. דער פאָדעם פון לעבן געפינט זיך אין די פינגער פון דעם גייסט פון שלעכטס.

פון איין זייט דאָס פאָלק — פון דער צווייטער דער המון.

פון איין זייט ליכט, פון דער צווייטער פינצטערניש.

קלייב אויס

וויקטאָר הוגאָ".[22]

מיר האָבן געבראַכט וויקטאָר הוגאָס אַרויסטריט לויטן טעקסט פון אַ יידיש־רוסישער צייטונג פון 1882. דער טעקסט איז דורך דער צאַרישער צענזור שטאַרק אַרומגעשניטן געוואָרן. במילא ווערט גערעדט אינעם טעקסט אין אַ פאַרשטעלטער שפּראַך וועגן „דעם גייסט פון שלעכטס", וואָס אין זיינע הענט געפינט זיך דער פאָדעם פון לעבן. דאָס איז — די צאַרישע רעגירונג און בכלל אַלע פעאָדאַלע און בורזשואַזע רעגירונגען, וועלכע האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט דעם

---

[20] איך גלויב, ווייל דאָס איז אַן אַבסורד.

[21] פאַרשידענע עפּאָכעס פון אונטערדריקונג, פינצטערניש און מאַסן־מאָרד.

[22] ציטירט לויט „Русский Еврей" 18. 4. 1882 Nr 24, אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט.

גורל פון זייערע לענדער. הוגאָ מאַכט אַ גרונד־אונטערשייד צווישן דעם פאָלק און דעם — פינצטערן המון. ער זעט אין די פּאָגראָמען אַ מיטל פון די הערשנדיקע, ספּערן צו שטויסן די וועלט אויף צוריק. די פרישקייט און אַקטועלקייט פון זיינע ווערטער קאָן מען דרייסט אָנווענדן לגבי דעם פעלקער־מערדערישן היטלעריזם, פונקט ווי היינט לגבי דעם אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם. די פולשטענדיקע באַפרייאונג פון די יידן פון שרעק, פון רדיפות, פון אומקום מאַכט הוגאָ אָפּהענגיק פונעם טריומף פון אַ נייער יושרדיקער וועלט אָן מלחמות און סאָציאַלן צוואַנג. אַט פאַרוואָס זיין אַפּעל האָט געטראָפן צו די הערצער פון די דעמאָקראַטישע שיכטן פון זיין דור און, פאַרשטייט זיך, פון די יידישע מאַסן, און פאַרוואָס, פון דער צווייטער זייט, די יידישע פּלוטאָקראַטיע אין פראַנקרייך האָט זיין אַפּעל באָיקאָטירט, פאַראַמנדיק דערמיט די בלוטיקסטע אינטערעסן פון אייגענעם יידישן פאָלק.

אַט וואָס עס שרייבט וועגן דעם די משכילישע צייטשריפט אין העברעיש „המליץ", וואָס איז דערשינען אין פּעטערבורג (היינט: לענינגראַד), אינעם נומער פון 15־טן יוני 1882:[23]

„אויף דעם גרויסן אויפרוף, וואָס עס האָט אַרויסגעלאָזט דעם לעצטן 31־טן מאַי דער קאָמיטעט צו העלפן די רוסישע יידן, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין פּאַריז אונטער דער אָנפירונג פון וויקטאָר הוגאָ, האָבן געגעבן זייער אונטערשריפט 114 מאַן פון די גרויסע פערזענלעכקייטן, געזעלשאַפטלעכע טוער און וויסנשאַפטלער פון פראַנקרייך. אויף דעם אויפרוף איז נישטאָ קיין אונטערשריפט פון דעם ראָטשילד־הויז. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער אויפרוף פון 31־טן מאַי (פון וויקטאָר הוגאָס קאָמיטעט — ב. מ.) ווערט אונטערגעשטיצט דורך ליבעראַלן און דעמאָקראַטן, און די ראָטשילדס ווילן נישט פאַרלירן זייער חן ביי די אַריסטאָקראַטן און ביים קלער".

דער אָרגאַן פון די דייטשישע יידן „אַלגעמיינע צייטונג פון יודנטום" רעדט אָפענער און שאַרפער. זי שטעמפּלט די ראָטשילדס, אַז זיי האָבן באָיקאָטירט הוגאָס קאָמיטעט, ווייל זיי זיינען פאַרבונדן מיט דער פראַנצויזישער רעאַקציע.

הוגאָ האָט שאַרף אָנגעגריפן די ראָטשילדס, שטעמפּלענדיק זייער סאַבאָטאַזש פון דער אַזוי וויכטיקער אַקציע.

[23] געפינט זיך אין ארכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט.

ווען די אַקציע וואָלט געווען אַ געמיינזאַמע — שרייבט דער „המליץ" — וואָלט מען געזאַמלט שווערע מיליאָנען. די ראָטשילדס האָבן געמאַכט שבת פאַר זיך און געזאַמלט... 225 טויזנט פראַנק. היגאָס קאָמיטעט, וועלכער האָט גענאָסן פון דער סימפּאַטיע פון פאָלק, האָט געזאַמלט זעקס מיליאָן פראַנק.

דער עיקר איז אָבער נישט באַשטאַנען אין דער געזאַמלטער סומע. דער אונטערשייד איז געווען אַ טיפערער. הוגאָ און זיין קאָמיטעט האָבן פאַרבונדן די זאַמלונג מיט פּראָטעסט-קאַמפּאַניעס קעגן צאַריזם און ראַסיזם, קעגן רעאַקציע און פאַר פּראָגרעס. די ראָטשילדס האָבן געגעבן אַ נדבה, און דאָס אויך זייער אַ קליינע. ווי האָבן זיי געקאָנט אַרויס אין קאַמף, בעת זיי זיינען געווען דורך זייערע פינאַנסיעלע אינטערעסן פאַרבונדן מיט די רעאַקציאָנערע רעזשימען פון אייראָפּע, מיטן צאַריזם.

די געשיכטע חזרט זיך איבער. די ראָטשילד-„יידן" האָבן סאַבאָטירט אַן אַקציע קעגן פּאָגראָמען. דער פּראָגרעסיווער פראַנצויז הוגאָ — ער האָט פאַרטיידיקט די יידן, זייער לעבן און כבוד.

הוגאָ האָט זיך נישט באַפרידיקט מיט דער געזעלשאַפטלעכער אַקציע קעגן די פּאָגראָמען. ער האָט אין דער זעלבער צייט פאַרעפנטלעכט די דראַמע „טאָרקוועמאַדאָ" (1882),[24] אין וועלכער ער שילדערט די שפּאַנישע אינקוויזיציע און דעם קאַמף פון דעם יידישן טוער משה בן חביב צו ראַטעווען זיינע ברידער פון זייער נעגל. דאָס איז געווען אַ ווערק אויף דער צייט. הוגאָ ציט אַ ליניע פון די מיטלאַלטערלעכע רדיפות אויף קריסטלעכע אָפּאָזיציאָנערן און אויף יידן ביז די פּאָגראָמען סוף 19-טן יאָרהונדערט. די דראַמע אויף אַ טעמע, וואָס האָט געהאַט אַזאַ אַקטועלן אויסקלאַנג, האָט אַרויסגערופן אַ פאַרשטענדלעכע פאַראינטערעסירונג אין דער יידישער געזעלשאַפט. די וואַרשעווער „הצפירה", אונטער דער רעדאַקציע פון חיים זעליג סלאָנימסקי, האָט אין נומער פון 15-טן יוני 1882[25] געבראַכט אין דער אָפּטייל „חדשות שונות" (פאַרשידענע נייעס) אַ וואַרעמען אָפּרוף וועגן „טאָרקוועמאַדאָ", אונטערשטרייכנדיק, אַז הוגאָ האָט זיך פאַרטיפט אין דעם פּראָבלעם פון דעם רוצחישן אינקוויזיציע-קלער און אין טאָרקוועמאַדאָס געשטאַלט. בפרט — שרייבט די „הצפירה" — איז דעם מחבר שטאַרק געלונגען דאָס געשטאַלט פונעם

---

[24] „Torquemado".

[25] געפינט זיך אין אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט.

רב משה חביב, וועלכער טרעט ארויס אין שוין פון זיינע ברידער, א געשטאַלט, וואָס שפּרודלט מיט מאָראַל און שטילן פּראָטעסט. „דאָס דאָזיקע בוך — זעצט פאָר די „הצפירה" — איז אַן אַקטועלע געשעעניש. און באמת זעען מיר, אַז אין דעם אויפרוף, וואָס עס האָבן אַרויסגעלאָזט די אָנפירער פונעם פאַריזער קאָמיטעט פאַר אונדזערע אומגליקלעכע ברידער, האָבן זיי זיך באַנוצט מיט אַ סך אויסדריקן פון דעם דאָזיקן בוך".

הוגאָ האָט שטענדיק באַוויזן — און עס איבערגעחזרט אויך אין אָנגעזיכט פון די פּאָגראָמען — צו פאַראייניקן האַרמאָניש זיין גרויסע שאַפּטלכע און קינסטלערישע טעטיקייט, וועלכע האָבן געדינט איינעם און דעם זעלבן צוועק. „טאָרקוועמאַדאָ" איז אַ קינסטלערישער פּועל־יוצא פון דעם מחברס אויפברויז אין אָנבליק פון צוויי־טויזנט-יאָריקן ראַסיזם און פעלקער־שנאה. זיין געשטאַלט משה בן חביב איז אַ דעמאָנסטראַטיווע קעגנשטעלונג צו די ראַטשילדס.

די דראַמע „טאָרקוועמאַדאָ" — אַ ווערק, וואָס דעמאַסקירט און שטעמפּלט די אינקוויזיציע און וואָס טרעט אַרויס אין שוץ פון די פאַרפייניקטע יידן און דערהייבט דעם אמתן יידישן פּאַטריאָט — האָט נישט פאַרלוירן איר אַקטועלן אויסקלאַנג ביזן היינטיקן טאָג. אַט גייען נאָך איצט, אין דער צווייטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אַרויס געשיכטע־ביכלעך אין דער פראַנצויזישער אַרגענטינע, אין וועלכע עס ווערט פאַרהערלעכט די אינקוויזיציע און אירע אַבזורדיקייטן ווערן באַרעכטיקט. די אינקוויזיציע האָט זינט יענע צייטן אַדורכגעמאַכט פאַרשידענע גלגולים און איר לעצטער דיבוק איז געווען דער היטלעריזם און איז דער היינטיקער קוק־קלוקס־קלענישער ראַסיזם. פּונקט ווי אַנדערע ווערק פון וויקטאָר הוגאָ האָט אויך „טאָרקוועמאַדאָ" אויסגעדויערט אין משך פון דער צייט און קאָן ווייטער דינען ווי אַן אידעאָלאָגיש געווער אין קאַמף קעגן מאָדערנער מענטשן־פרעסעריי.

די יידן, סיי די פראַנצויזישע און די דייטשישע, און בפרט די רוסיש־פּוילישע, זיינען — אין קעגנזאַץ צו די ראָטשילדס — געווען דאַנקבאַר דעם גרויסן פראַנצויזישן שרייבער און פּאָלקס־פריינדלעכן טריבון פאַר זיין קאַמף קעגן פּאָגראָמען און ראַסיזם. ווי ווייט די באַדינגונגען פון דער צאַרישער צענזור האָבן דערלויבט, האָט די יידיש־רוסישע פּרעסע אויסגעדריקט אָנערקענונג וויקטאָר הוגאָן. דער „רוסקי יעווריי" האָט אין אַ גרויסן אַרטיקל „וויקטאָר הוגאָ אין

שוץ פון די יידן", אין דערמאָנטן נומער פון 18־טן יוני 1882, באַצייכנט הוגאָס אַרויסטריטן לטובת די פאַגראָמירטע מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„עס זיינען פאַראַן ווערטער, אין וועלכע עס לעבט עפּעס אַן אומבאַזיגטע קראַפט, וועלכע פאַנגען דאָס מענטשלעכע האַרץ, באַהערשן די מענטשלעכע נשמה! נישט איטלעכער איז זוכה צו רעדן אַזעלכע ווערטער. נישט אַלעמען איז באַשערט אויסצופילן די גרויסע צוואה: „מיטן וואָרט אָנצינדן די הערצער פון די מענטשן".

„...מיר רעדן דאָ וועגן וויקטאָר הוגאָ. ווער האָט עס נישט אויסגעפרוווט אויף זיך דעם גראַנדיעזן איינדרוק פון זיין שפּראַך! ווער האָט זיך עס נישט אָפּגעשטעלט, אַן אויפגערודערטער און אויפגעברויזטער, אויף די דאָזיקע ווערטער, וואָס איטלעכס פון זיי איז אַ גאַנצע וועלט פון געפילן! ווער האָט עס געקאָנט אויסהאַלטן און זיך אַנטקעגנשטעלן דער איבערצייגעוודיקייט פון זיין רעדע, וועלכע איז, דאַכט זיך, דער שלימותדיקער אמת אַליין! דער מענטש, וואָס האָט געהאַלטן די רעדע, שטעלט זיך נישט ווילנדיק פאָר דעם שכל ווי אַ גראַנדיעזער זקן, אין אַ קלאַסישער ווייסער טאָגע, מיט אַן אָרעאָל פון ליכט־שיין אַרום דעם קאָפּ, מיט אויגן, פולע מיט בליצן, אַ זקן, וואָס שטייט אויף אַ באַרג, אַנטקעגן וועלכן עס האָט זיך צונויפגעזאַמלט אין שווייגנדיקער אויפמערקזאַמקייט די מענטשהייט. און אָט דער זקן, דער דאָזיקער אַפּאָסטאָל פון אמת און פרייהייט, האָט גענומען אַ וואָרט... זיין אידעלע נשמה האָט נישט איבערגעטראָגן דאָס שווייגן — אין אָנבליק פון איינגעקאָרטשעטן פון יסורים, מאַרטירער־פאָלק. זיין אָדלער־אויג האָט אַדורכגעדרונגען אָט דעם תהום, צו וועלכן עס שטרעבט דער משוגע־געוואָרענער פייניקער מיטן אומשולדיקן קרבן אין די הענט, און דאָס וואָרט פון הייליקן צאָרן און דערהויבענעם אויפברויז האָט אַ קלונג געטאָן פון זיין מויל. הערט אים!"

און די צייטונג גיט דאָ איבער הוגאָס אַרויסטריט, וועלכע מיר האָבן געבראַכט פריער, דעם אַרויסטריט וועגן די צוויי וועגן פון דער מענטשהייט — דעם וועג באַרג־אַרויף צו פּראָגרעס און שלום, און דער וועג באַרג־אַראָפּ צו מיטלאַלטער און פּאָגראָמען.

דער פלאַמיקער אַרויסטריט אין שוץ פון די געיודפּטע יידן איז געווען איינע פון די לעצטע עפנטלעכע אַקציעס פון דעם גרויסן שריי־

בער און טריבון. אין דריי יאָר אַרום, אין חודש מאַי 1885, איז דער גייסטיקער ריז געשטאָרבן.

אין זיין לוויה האָבן אָנטיילגענומען איבער אַ האַלבן מיליאָן מענטשן. דער טרויער האָט אַרומגענומען מיליאָנען מענטשן אויף גאָר דער וועלט. די ליידנדיקע מענטשהייט האָט פאַרלוירן איינעם פון אירע טאַלאַנטפולסטע, טרייסטע און מוטיקסטע פאַרטיידיקער.

* * *

די בורזשואַזיע האָט קיינמאָל נישט באַשאַנקען וויקטאָר הוגאָן, זיינע ווערק און זיין אָנדענק מיט אָנערקענונג. פאַרקערט, אירע אידעאָלאָגן האָבן באַשמוצט זיין נאָמען. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער רעאַקציאָנער לעאָן דאָדע אַרויסגעלאָזט אַ בוך, אין וועלכן הוגאָס נאָמען ווערט אויף אַ מיאוסן אופן באַשמירט מיט בלאָטע, און דער שרייבער־הומאַניסט ווערט פאַרגעשטעלט ווי אַן עובר־בטל. ווען די אינקוויזיטאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, די היטלערישע האָרדעס זיינען אַריין אין פאַריז, איז איינע פון זייערע ערשטע אויפטוען געווען אָראָפּצונעמען און צעשטערן הוגאָס דענקמאָל. אַזוי האָבן זיי געטאָן אויך מיטן טאָלסטאָי־הויז אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. אַזוי האָבן זיי באַהאַנדלט מיצקעוויטשן אין וואַרשע.

אָבער בעת די סאָוויעטישע רעגירונג און אונדזער פאָלקס־דעמאָקראַטישע מאַכט האָבן צוריקגעקערט דעם אָנדענק פון טאָלסטאָי און מיצקעוויטש זייער פּראַכט, האָט די פראַנצויזישע בורזשואַזיע ביזן היינטיקן טאָג נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צוריק אויפצושטעלן הוגאָס מאָנומענט. און עס איז פאַרשטענדלעך. וויקטאָר הוגאָ — שרייען די בורזשואַזע ליטעראַטור־כּוהנים אין פראַנקרייך — איז געווען אַ דעמאַגאָג, ער איז שוין אַוועק אין פאַרגעסעניש. היינטער זיי שטייט די אַמעריקאַנישע ענציקלאָפּעדיע, וועלכע גיט אַרויס איר שענדלעכן פּסק: „הוגאָ האָט שפּעקולירט אויף די אומגליקן פון פראַנקרייך".

אָבער קיין שום רעאַקציאָנער וועט נישט זיין ביכולת אויסצומעקן וויקטאָר הוגאָ פון דער מענטשלעכער קולטור. ביי די פעלקער פון דער וועלט איז טייער דער אָנדענק פון דעם שעפער פון דעם „גיבור אין קייטן", פון דעם „מענטש וואָס לאַכט", פון „דריי־און־ניינציקסטן יאָר", פון די לידער, וואָס האָבן געוועקט צום אויפשטאַנד,

פון „הערנאני" און „מאַרקווע מאַדאַ". הוגאָס ווערק זיינען אומשטערב-
לעך. זייער פּאָפּולאַריטעט און באַליבטקייט גייט ווייט אַריבער די
גרענעצן פון די פראַנצויזיש-רעדנדיקע לענדער. די גרעסטע טיראַזשן
און פאַראינטערעסירונג האָבן זיי דערגרייכט אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו
בלויז „דער גיבור אין קייטן" איז אַרויס אין קרוב דריי מיט אַ פערטל-
מיליאָן עקזעמפּליאַרן, אין פאָלקס-בינע, ווו הוגאָס ווערק זיינען
אַרויס אין קרוב 5 מיליאָן עקזעמפּליאַרן, און אין די לענדער פון דער
פאָלקס-דעמאָקראַטיע. ביים יידישן מאַסן-לייענער זיינען הוגאָס ראָ-
מאַנען געווען באַליבט זינט לאַנגע, לאַנגע יאָרצענדליקער. אמת, נישט
אַלע איבערזעצונגען פון זיינע ווערק אויף יידיש זיינען געווען גוטע.
צו די בעסטע געהערן די, וואָס עס האָט איבערגעזעצט דער באַקאַנ-
טער יידיש-סאָוועטישער שרייבער הערשל אָרלאַנד („די ים-ארבע-
טער") און דער אומגעקומענער בעת דער היטלער-אָקופּאַציע ש. וואָל-
מאַן (די דראַמע „דער טיראַן פון פּאַדואַ", פאַרלאַג „פעניקס", יאָר
1922).[26] דער אינטערעס פונעם יידישן מאַסן-לייענער צו הוגאָס ווערק
איז געווען אַזוי גרויס, אַז פאַרשידענע פאַרלאַגן אין וואַרשע, לאָנדאָן,
ניו-יאָרק, האָבן זיך איילִיק גענומען זיי אַרויסצוגעבן. די דראַמאַטיזי-
רונג פון אַ פראַגמענט פון די „פאַרשטויסענע" („דער גיבור אין
קייטן") האָט שטענדיק געהאַט אַ געוואַלדיקן דערפאָלג אויף דער
יידישער בינע; עס האָבן אויפגעפירט די פיעסע ערנסטע טעאַטערן
און דראַמקרייזן פון אַרבעטער-אַמאַטאָרן, ברענגענדיק הוגאָס ליי-
דנשאַפטלעכן פּראָטעסט קעגן דער פאַרשאָלטענער אָרדענונג צו די
ברייטע יידישע מאַסן. פונקט אַזוי איז דראַמאַטיזירט און געשפּילט
געוואָרן אין יידיש „דער גלאָקן קלינגער פון „נאָטר-דאַם".

הוגאָ האָט געשאַפן אַ שול אין דער פראַנצויזישער און וועלט-
ליטעראַטור. ער האָט באַאיינפלוסט די פראַנצויזישע ליטעראַטור,
זאָלאַ, פראַנס, ראָלאַנען, ער האָט באַווירקט דעם גרויסן לעוו טאָל-
סטאָי, וועלכער האָט הוגאָס ראָמאַנען געהאַלטן פאַר די בעסטע פון
דער וועלט-ליטעראַטור, דאָסטאָיעווסקין, גאָרקין. ביעלינסקי האָט גע-
שריבן וועגן אים מיט באַגייסטערונג. ביי לענינען האָט הוגאָ געהערט
צו דער בעסטער לעקטור. די יידישע קלאַסיקער, בפרט מענדעלע,
האָבן זיך געלערנט אויך אויף הוגאָ און זיך געפונען אונטער זיין
השפּעה.

---

[26] עס האָבן לעצטנס איבערגעזעצט לידער פון וויקטאָר הוגאָ משה שולשטיין
און מ. ליטווין.
יתהרטה רסנגד

די פּראָגרעסיווע וועלט, די וועלט פון זיגערישן און בויענדיקן סאָציאַליזם, די וועלט פון קאַמף פאַר שלום און סאָציאַלן פּראָגרעס, נעמט אַריין וויקטאָר הוגאָ אין דעם גאָלדענעם פאָנד פון איר טראַדיציע. זיין נאָמען ווערט אויפגעשריבן אויף דער פאָן פון דער גרויסער וועלט־באַוועגונג פאַר שלום, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם.

וואַרשע, מערץ, 1952.

אינהאלט:

		זייט
	אריינפיר	5
1.	די צייט	7
2.	ראָמאַנטיזם און רעאַליזם ביי וויקטאָר הוגאָ	9
3.	פּאָעזיע פון קאַמף	13
4.	דער קאַמף צווישן אַלט און ניי	17
5.	דער נייער היסטאָרישער ראָמאַן „דער גלאָקנקלינגער פון נאָטר־דאַם"	20
6.	„דער גיבור אין קייטן"	23
7.	„דער מענטש וואָס לאַכט"	30
8.	דער ראָמאַן וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע	36
9.	„די ים־אַרבעטער"	40
10.	דער טריבון	46
11.	אין שוץ פון די יידן	51